גליון מיוחד

# און בחביבותא תליא




יוצא לאור לקראת מעמד האדיר **להבעיר את האש** התכנסות כלל חסידי ברסלב ארה"ב - מוצש"ק ויגש תשפ"ד


בס"ד
מעגא גראנדיעזע
סעיל
אור הנחל
כל ספרי המכון
אלע ברסלב'ע צענטערן
בימי הילולת מוהרנ"ת

# דבר המעמד

**ליל עשרה בטבת תר"ה.**

די שיין פון די לבנה וואס האט באלאכטן די פינסטערע נאכט, הייבט אן ווערן פארטינקעלט. דער תלמיד הגדול, די הייליגע ר' נתן, די אור הלבנה וואס גיבט איבער די ליכטיגקייט פונעם 'זון' די הייליגע רבי, ליגט אין בעט פארשלאפט. ארום אים שטייען זיינע געטרייע תלמידים באזארגט, א טרויער איז אויסגעשפרייט אויף זייער געזיכט. "ווער וועט אונז יעצט באלייכטן די וועג אין אזא פינסטערע נאכט?" פרעגט זיך די פארוויייטאגטע פראגע. די שוואכקייט שטארקט זיך אויף ר' נתן, ער בעט זיינע תלמידים מען זאל אים אנגרייטן א ווארעמע וואנע. דערווייל ווען די וואסער האט זיך געווארעמט - שילדערן די תלמידים אינעם מכתב הסתלקות - האט ער גערעדט מיט אונז כמעט ווי א צוואה, און ער האט אונז געזאגט: "צריכין אתם להחזיק אתכם ביחד באהבה גדולה", ענק דארפן זיך האלטן צוזאמען מיט א שטארקע ליבשאפט. א קלארע הוראה וואס מען האט צו טון יעצט אז עזרא הסופר גייט אוועק און טרייף פסול איז זיך מתגבר וכו'. נישט קיין סאך שעות דערויף - תיכף נאך הדלקת הנרות צומארגנס עש"ק - האט ער אויסגעהויכט זיין הייליגע לויטערע נשמה בנשיקה. (ע"פ מכתב הסתלקות).

* * *

**באלד 200 יאר שפעטער מוצ"ש ויגש תשפ"ג די וואך פון עשרה בטבת.**

אינעם באלאכטענעם זאל זיצן פארזאמלט הונדערטער ברסלב'ע חסידים פון גאנץ אמעריקא, שלינגענדיג מיט דארשט די פייערדיגע דיבורים פון די חשוב'ע משפיעים.



. די הייליגע רבי'נס פייער וואס טליעט שוין איבער צוויי הונדרעט יאר, האט זיך צופלאקערט אויף די אמעריקאנע ערד, צום ערשטן מאל אזוי פיל הונדערטער ברסלב'ע חסידים פארזאמלט תחת קורת גג אחד.

"להבעיר את האש", כשמו כן הוא, עס ברענט א פייער. הבערה ללהב יצאת, אויפפלאמענדיג די הערצער פון אלע באטייליגטע. די אחדות וואס מען זעהט דארט, איז ממש ווי די הייליגע רבי האט זיך אויסגעדרוקט: "עס איז ראוי די וועלט זאל זיך וואונדערן אויף די אהבה וואס איז דא צווישן אונזערע לייט". פון אלע שיטכן און קרייזן, אלע סארט מענטשן אינאיינעם כאיש אחד בלב אחד, צו מקיים זיין דעם הייליגן רבי'נס צוואה, רק תחזיקו עצמכם ביחד אז תהיו אנשים כשרים. וואס א דאנק אט דער וואונדערליכע צוואה, האט דאס פייער'ל ממשיך געווען צו ברענען, אויך אונטערן שטראם פון די פילע וואסערן וואס האבן געדרויעט איר צו פארלעשן.

די מעמד איז געקומען צום אפשטעל, אבער די באטייליגטע זענען געבליבן מיטן פייער אין הארץ. וזען ביז היינט - שטייענדיג שוין א יאר דערויף - גייען נאך אן וואך נאך וואך, די פילע חבורות וואס האבן זיך געעפנט אין פארשידענע שטעט, אין ליכט פונעם מעמד. פיל אינגעלייט וואס זענען דאן נתעורר געווארן צו קומען דאווענען בקביעות בבית מדרשינו הנקרא ע"ש הצדיק, זאגן עדות אז זיי האבן באקומען ממש א נייעם לעבן. די טעם פונעם דערהויבענעם מעמד ליגט נאך אלעמען גוט אין דיביינער.

* * *

### עשרה בטבת תשפ"ד

ווידעראמאל גרייטן זיך כלל חסידי ברסלב אין אמעריקא אויפן פייערדיגן מעמד להבעיר את האש. גרויס שפאנונג הערשט ביי אנשי שלומינו אין די טעג, דאס איז די שמועס פונעם טאג. יעדער געדענקט נאך די געוואלדיגע התרגשות פונעם פאריעריגן מעמד, און מען קוקט שוין קוים ארויס אויפן היי יעריגן מעמד, וואס וועט געפראוועט ווערן ביתר שאת וביתר עוז.

אין די טעג גרייטן זיך אויך די געטרייע עסקנים - וואס האבן אריינגעשפרינגען אין די זאך במסירות נפש בלי שום תשלום גמול מיטן בלויזן ציל לפאר ולרומם שם הצדיק - צו אהער שטעלן דעם מעמד ווי

עס דארף צו זיין. אומגעהויערע כוחות ווערט אריינגעלייגט אלעס זאל זיין צוגעשטעלט לטובת הציבור על צד הטוב ביותר. מען האט מיט גרויס סייעתא דשמיא מצליח געווען אפצודינגען א זאל וואס זאל אקעמענדירן דעם גרויסן ציבור. מען האט פיל משקיע געווען - און מען האט ב"ה מצליח געווען - אז די פלאץ וואו דער מעמד וועט בעזר השם געפראוועט ווערן ברוב פאר והדר, וועט זיך געפונען אין א געגנט וואס קומט אויס בערך די זעלבע ווייטקייט פון אלע שטעט צו פארן, כדי כלל אנ"ש איבער גרעיטער נוי יארק און נוי זשערסי זאלן אלע קענען אנקומען גרינגע־רהייט. אזוי אויך איז אינוועסטירט געווארן עקסטערע מיה עס זאל זיין צוגעשטעלט א רייכע מעניו, א סעודת מלוה מלכה כיד המלך. ווי אויך האבן די עסקנים מסדר געווען אז עס זאל זיין צוגעשטעלט טראנספאט־ציע פון אלע געגנטער פאר די באקוועמליכקייט פונעם ציבור הקדוש.

די מעמד איז געווידמעט צו מקיים זיין די צוואה וואס מיר האבן באקומ־ען פונעם הייליגן רבי'ן און זיין גרויסן תלמיד ר' נתן, ווי זיי האבן קלאר איבערגעבן אז כדי מיר זאלן קענען נהנה פון די געוואלדיגע ליכטיגקייט וואס זיי ווילן אונז איבערגעבן, פעלט זיך אויס אז מיר זאלן זיך האלטן צוזאמען. דערפאר איז אריינגעלייגט געווארן אומבאשרייבליכע מיה און פלאג צו קענען אהער שטעלן אט דעם אינהאלטסרייכער בראשור וואס ליגט יעצט אין אייערע הענט. דא צווישן די שורות ווערט ברייט אויסגע־שמועסט דעם נושא, מיט פילע רייכע באשרייבונגען און מאמרים צו איבער'חזר'ן און זיך שטארקן אין די מורא'דיגע זאך, וואס דאס איז געווען פון די גרעסטע יסודות ביי ברסלב'ע חסידים אלע יארן.

פארשטייט זיך אז מען האט אויך פיל משקיע געווען צוצושטעלן א גאר תוכנ'דיגע אינהאלטסרייכע פראגראם פארן מעמד, ווי מען וועט האבן די זכיה צו הערן קול ה' ברמה דורך די חשוב'ע משפיעים וואס זענען געקומ־ען צו פארן פון ארה"ק, סעצפיעל צום גרויסארטיגן מעמד. אבער די עצם צאמנעמען אנשי הצדיק פון איבער גאנץ אמעריקא אויף אזא פארנעם - און אזוי ארום ממשיך זיין דעם הייליגן רבי'ן - איז שוין א דבר גדול עד למאוד. מען האפט טאקע אז די מעמד וועט טאקע ברענגען די ריכטיגע פירות, אריינצוברענגען די דעת פון הייליגן רבי'ן אין די וועלט, און דורך דעם וועלן מיר שוין זוכה זיין בקרוב לביאת גואל צדק בב"א.

# ההשארה

**געקליבענע**
**מאמרים פון תלמידי רביה"ק וואס האבן**
**איבער געגבן די צוואה פונעם**
**הייליגן רבי'ן מדור לדור**

## רבינו הקדוש זי"ע

אָז דִּבֵּר, שֶׁהָיוּ כַּמָּה גְּדוֹלִים, שֶׁכָּל אֶחָד עָשָׂה וְתִקֵּן מַה שֶּׁתִּקֵּן וְאַחַר־כָּךְ נִפְסָק. וְכַוָּנָתוֹ, לְעִנְיַן הַהֶאָרָה שֶׁהֵאִירוּ דַּעְתָּם בְּתַלְמִידֵיהֶם וְקֵרְבוּ כַּמָּה אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲבָל אַחַר־כָּךְ נִפְסַק הֶאָרָתָם; אֲבָל אָנוּ צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁלֹּא יֻפְסַק לְעוֹלָם, שֶׁאֵלּוּ אֲנָשִׁים יַעֲשׂוּ אֲנָשִׁים אֲחֵרִים, וְהֵם יַעֲשׂוּ עוֹד אֲנָשִׁים, וְכֵן לְעוֹלָם. וְכֵן שָׁמַעְתִּי כְּבָר, שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלָּנוּ בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיָּאִירוּ בְּחַבְרֵיהֶם וְתַלְמִידֵיהֶם, וְכָל אֶחָד מֻכְרָח שֶׁיַּעֲשֶׂה אֵיזֶה פְּעֻלָּה וְיָאִיר בַּחֲבֵרוֹ, וַחֲבֵרוֹ בַּחֲבֵרוֹ, כִּי יֵשׁ עֲנָפִים לְהָאִילָן, וּמֵאֵלּוּ הָעֲנָפִים יוֹצְאִין עוֹד עֲנָפִים, וְכֵן לְהַלָּן יוֹתֵר וְכוּ'. וּכְבָר נִרְשָׁם בְּמָקוֹם אַחֵר מַה שֶּׁאָמַר, שֶׁהָאֵשׁ שֶׁלִּי תּוּקַד לְעוֹלָם, לֹא תִכְבֶּה, וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: מַיין פַּייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלוּעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

(חיי מוהר"ן מו)

## מוהרנ"ת ז"ל

..כִּי עִקַּר יְגִיעַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא לְהַמְשִׁיךְ הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת בְּתַלְמִידָיו בִּדְרָכִים נִפְלָאִים עַד שֶׁיּוּכְלוּ לְהָאִיר בְּתַלְמִידֵיהֶם וּבְתַלְמִידֵי תַּלְמִידֵיהֶם לְדוֹרוֹת עַד שֶׁכֻּלָּם יֵדְעוּ אֶת ה'. וְהַצַּדִּיק בַּחַיִּים חִיּוּתוֹ יוֹדֵעַ בְּהַשָּׂגָתוֹ הָעֲצוּמָה אֵיךְ לְדַבֵּר עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד וְכוּ' כַּנַּ"ל. אֲבָל לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ עִקַּר חִיּוּתֵנוּ עַל־יְדֵי קִבּוּץ תַּלְמִידָיו יַחַד לִדְבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וְכָל אֶחָד מִתְעוֹרֵר לַה' יִתְבָּרַךְ כְּפִי הַנְּקֻדָּה טוֹבָה שֶׁהֵאִיר בּוֹ הַצַּדִּיק וְכָל אֶחָד מְסַפֵּר מַה שֶּׁשָּׁמַע וְרָאָה מִמֶּנּוּ וְעַל־יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְהַחֲיוֹת אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ.

(ליקוטי הלכות, נזיקין ד, יא-יב)

## ר' נתן ב"ר יהודה ז"ל

...ואיני יכול לכתב לכם כמה דבורים להחיות נפשי ונפשכם מדבורי רבנו ז"ל ותלמידו הקדוש שר בכל יום אנו רואין חדושים אחרים אשר בהם תלויים כל העולמות, אשר מהם אני רואה גודל כח הבחירה אשר יכול להחשיך אורות כאלו אפילו אצל אנשי שלומינו אשר אנו מחויבים למסר נפשנו ולהתועד יחד, אולי נזכה לשמוע דיבור אחד מדבריהם העומדים ברומן של כל העולמות, ואפילו להיות בבית ששם מכרין של רבנו ז"ל ותלמידו הקדוש.

(נתיב צדיק קי"ד מיום ה' וישלח תרמ"ג)

## טשהערין'ע רב ז"ל

העיקר מה שהיה רצונו ז"ל שיחזיקו את עצמם אנשי שלומינו באחדות והתחב־רות ואהבת החברים, היינו להתוועד יחד ולדבר אחד עם חבירו ביראת שמים.

(פרפראות לחכמה, תורה ז' תנינא אות כ"ז)

## ר' אברהם בן ר' נחמן ז"ל

רבי אברהם ב"ר נחמן היה אומר: "מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן וָואס מִיר וָואלְטְן גֶעקֶענְט נֶעמֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן, וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן הָאבְּן אַהֲבָה"

(שיש"ק החדש [באדיבות המו"ל])

## ר' שמשון בארסקי ז"ל

פְּרִיסַת שָׁלוֹם לְכָל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וּבִפְרָט לְרַבִּי יְחֶזְקֵאל וּלְרַבִּי הֶענִיךְ וּלְרַבִּי דָּוִד סַאטַאנָאווִיטְשׁ וּלְהַבָּחוּר אַהֲרֹן יְהוּדָא צִיגֶעלְמַאן וְיִשְׂרָאֵל אַהֲרֹן בָּאלְדְמַאן. אֲבַקֵּשׁ לְהוֹדִיעֵנִי אֵיךְ הוּא מִתְנַהֵג

אֶצְלְכֶם, סֵדֶר הָעֲבוֹדָה בִּכְלָל, וּבִפְרָט הַהִשְׁתַּדְּלוּת בְּדַעַת רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר הוּא עִקַּר הָעֲבוֹדָה, וְאִם יֵשׁ בֵּינֵיכֶם אֵיזֶה אַחְדוּת וּקְבִיעוּת בְּלִמּוּד סִפְרֵי אַדְמוּ"ר ז"ל, אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְהַרְגִּישׁ בָּם שׁוּם הִתְנוֹצְצוּת, כִּי אִם כְּשֶׁעוֹסְקִין בְּיַחַד בְּצַוְתָּא חֲדָא כַּמָּה נְפָשׁוֹת, בִּבְחִינַת וַיִּחַן יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר' – בְּלֵב אֶחָד כְּאִישׁ אֶחָד.

יְדִידְכֶם וְאוֹהַבְכֶם, שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי.

(מכתבי ר' שמשון ברסקי
מכתב מיום ד' [יתרו] תר"ע)

## ר' שמואל הורוויץ ז"ל

עַל כֵּן הָיָה לִי לִזְכִיָּה גְדוֹלָה אֲפִלּוּ רַק שֶׁרָאִיתִי מִי שֶׁהוּא מֵאַנַ"שׁ בִּרְאִיָּה בְּעַלְמָא, וְגַם מִפְּנֵי זֶה עָמַדְתִּי בְּכָל מַאֲמַצֵּי כֹחוֹתַי וּבִמְסִירוּת נֶפֶשׁ וְגוּף וּמָמוֹן עַד קָצֶה הָאַחֲרוֹן, לְנֶגֶד הָרוֹצִים לְרַחְקֵנִי אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה, וַאֲפִלּוּ לְהִתְרַחֵק רַק מְעַט הוּא גַם כֵּן מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן חַס וְחָלִילָה, כִּי זֶה נֶאֱמַר עַל שֶׁנִּמְנוּ חֲבֵרָיו לְדָבָר מִצְוָה וְהוּא לֹא נִמְנָה עִמָּהֶם, כִּי בְּשָׁעָה שֶׁעָסַקְתִּי אָז בַּעֲבוֹדַת ה'; הִרְגַּשְׁתִּי גֹּדֶל הַחִסָּרוֹן וְהַהֶפְסֵד שֶׁאַפְסִיד חַס וְחָלִילָה כְּשֶׁלֹּא אֵלֵךְ אֲפִלּוּ יוֹם אֶחָד לְאַנַ"שׁ, אוֹ כְּשֶׁאָזוּז אֶת עַצְמִי מֵעִנְיַן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֲפִלּוּ כִּנְטִיָּה קַלָּה, כִּי הַפּוֹרֵשׁ מֵרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה כְּפוֹרֵשׁ מִן הַחַיִּים, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

(ימי שמואל ק')



## ר' לוי יצחק בענדער ז"ל

פעם כשלמד רבי לוי יצחק בחבורה התורה שבליקוטי קמא סימן ק"כ: "הענין מה שצריכין לנסוע להצדיק ולא די בספרי מוסר וכו', גיעו לדברי רבינו ז"ל שאומר שם "ועל כן כשלומד מתוך הספר וכו' שהוא בחינת נעשה אין בזה כל כך לעורר אותו וכו', אבל כששומע מפה הצדיק הוא בחינת נשמע וכו' עיי"ש. ושאל אותו רבי יוחנן גלנט ז"ל מה נעשה כיום שלכאורה יש לנו רק העניין של 'מתוך הספר' [ולא של פה

הִרְגַּשְׁתִּי גֹּדֶל הַחִסָּרוֹן וְהַהֶפְסֵד שֶׁאַפְסִיד חַס וְחָלִילָה כְּשֶׁלֹּא אֵלֵךְ אֲפִלּוּ יוֹם אֶחָד לַאֲנַ"שׁ

הצדיק?] ורבי לוי יצחק מהרהר קצת בדבר זה ומשיבו כהאי לישנא: "נאך דעם רבינ'ס הסתלקות איז געווען רבי נתן, רבי נתן איז געווען מפי רבינו, ער האט דאך געהערט מפי רבינו, די וואס זיי האבן געהערט פון רבי נתן'ען, האבן דאך געהערט פון אים וואס ער האט געהערט מפי רבינו, און אזוי ווייטער, טאקע ס'איז דא חברים, און יעדער הערט איש מפי איש, און דאס אלעס איז א בחינה פון 'ושים באזני יהושע' (שמות יז יד), איינער געבט איבער פארן צווייטן, מיר האבן געהערט רבי אברהם רבי נחמן'ס, מיר האבן אים געקענט, ער האט געהערט פון זיין טאטן, זיין טאטע האט געהערט פון רבי נתן'ען, ס'איזגעאנגען מדור לדור, ס'איז געגאנג־ען ממש אויף א וועג פון 'ושים באזני יהושע', מען האט זיך נישט באגנוגט מיט דעם וואס מיר האבן געהאט דעם ספר אליין, מיר האבן טאקע געהערט פון אזא אידן, אזא מין צדיק וואס האט געהערט פון זיין טאטן פון רבי נתן'ען, דער רבי האט טאקע געוואלט מיר זאלן רעדן מיט חברים, מיט דעם חבר און מיט דעם חבר, גייט דאך דאס 'איש מפי איש' ווערט דאך טאקע די דיבורים אזוי ווי 'מפה הצדיק'!".

(רל"י). (שיש"ק החדש [באדיבות המו"ל])

## אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְהַרְגִּישׁ בָּם שׁוּם הִתְנוֹצְצוּת, כִּי אִם כְּשֶׁעוֹסְקִין בְּיַחַד בְּצַוְתָּא חֲדָא כַּמָּה נְפָשׁוֹת, בִּבְחִינַת וַיִּחַן יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר

### ר' יעקב גדלי' תפילינסקי ז"ל

בענין שכתבת שאין לך חיות מאנ"ש דשם, זה אינו לפי רוחי. תדע לך שאין שום אדם שבעולם שאין לו חסרון, ואם אין לו חסרון אז איפה הוא? אלא תפקיד־נו לקבל את הטוב מכל אחד בלי שום יוצא מן הכלל. ער גלויבט אין רבין ער לערנט די הייליגע ספרים ער גלוסט מקיים זיין די הייליגע עצות, זאלסטו זיך צו אים קלעפין וברור כשמש שאפשר לקבל מכל אחד המאמין ברבינו ז"ל, רק צריך כמובן לדעת איך להתנהג עם כל אחד לא להיכנס בויכוחים ח"ו, אלא לדבר מענין השוה לכל נפש ובכל מקום ובכל זמן.

(שארית יעקב ל"ו)



# ובודאי על כל פעם
# שאתם מתאספים
# נאמר
# המנין שלכם
# בוקע רקיעים

מכתב קודש שנשלח לפני שישים שנה
מזקני אנשי שלומינו מארץ הקודש
לאנ"ש בבארא פארק לקראת פתיחת
שערי בית המדרש בשנת תשכ"ד



ב"ה

ה' וישלח תשכ"ד, פעיה"ק ירושלים תובב"א

שלום וכל טוב סלה לכבוד אנ"ש השותים ויונקים מהנ'נ'מ'ח'. יוסף ה' עליהם ויהי כזית הודם, ברוקלין, תע"א.

אחדשה"ט באהבה רבה

ב"ה שמוע שמענו, שבעזה"ש נתחדש אצלכם בית, הנקרא ע"ש אדמו"ר ז"ל. אנו מלאים שמחה מזה, כי בודאי יתקדש שמו ית' ושם הצדיק ע"י הבית הקדוש הזה, כי הראש-בית האמיתי ישגיח עליהם לחזק בדקי הבית ויהי' נקראים בני בית, ולא ח"ו תחת רשות ראש כל חוצות אשר הנביא מקונן עליהם תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות.

אין אנו יכולים לצייר לנו גודל הענין הגדול הזה כשאנו מלובשים בגוף גשמי, **אך אנו מאמינים באמונה שלמה שכל תקותינו ותקות ישראל ובנין בית המקדש תלוי בזה כשמתאספים יחד ומדברים מגודל קדושת אדמו"ר ז"ל ומעצותיו הק'** וואס זיי טרענען די אדערען, און צו קלאפן דעם לב האבן, און עפענען דעם לב בשר. **ובודאי על כל פעם שאתם מתאספים נאמר: המנין שלכם בוקע רקיעים**, וכמו שאמר אדמו"ר ז"ל למוהרנ"ת ז"ל בעת התהוות המנין בנעמרוב, והם מהדברים הצריכים חזוק כי הבעל דבר וועט ניט שוויגען כי ענין זה עצם הוא בגרונו... שעי"ז סוף סוף יהא נאלץ להקיא כל מה שבלע בבחינת "חיל בלע ויקיאנו".

מה שאתם מתאספים בשבת ויו"ט הוא בודאי ענין גדול מאד, **אך מן היושר והראוי הוא להתאסף עכ"פ פעם אחת בימות החול גם כן**, כגון בליל שישי או בשאר הלילות.

מסיימים אנו בברכת ציון וירושלים ובקריאת **חזקו ואמצו אל תיראו ואל תערצו כי אדמו"ר ז"ל אמר: נצחתי ואנצח... וזה נאמר על כל עניני רבינו ז"ל**, חזקו ואמצו.

לוי יצחק בנדר
אלחנן ספקטור
אלי' חיים רויזין
שמואל שפירא



# די לעצטע נאכט אין לעבן

צוויי ברסלב'ע חסידים שמאכטן אין די סאוועטישע טורמע אין אומאן ווען א טויט אורטייל הענגט איבער זייערע קעפ. עס איז שוין ווארשיינדליך די לעצטע נאכט פון זייער לעבן ווען די צוויי חברים זיצן אויפן באן און רעדן צווישן זיך - האלטנדיג נאך פיר חדשים וואס איז געווען פארבאטן פאר זיי צו אויסטוישן א ווארט צווישן זיך - די צייט פון חצות דערנעטערט זיך און א שווערע באשלוס שטייט פאר זיי "וואס איז די פאסיגע עבודה צו אויסנוצן אזא נאכט אין די הויכע שעות פון חצות הארט פארן זיך טרעפן פארן בי"ד של מעלה?!"




**"מען ווייסט גארנישט, עס קען גאר זיין א הכנה אויף ארץ ישראל"**. די ווערטער וואס איז ארויס פון די הייליגן מויל פונעם פייערדיגן ברסלב'ער חסיד און צדיק ר' מתתיהו הכהן זצ"ל, האט בכלל נישט מחזק געווען ר' אליהו חיים - וואס האט דאן געהאלטן אין א מצב פון נאך ייאוש. געווען איז עס, שוין נאך פיר חדשים וואס די צוויי דערהויבענע חסידים ר' לוי יצחק בענדער ז"ל, און ר' אליהו חיים ראזען ז"ל, זיצן אין די סאוויעטישע תפיסה. שווערע און ביטערע לאנגע פארשונגען זענען אריבער אויף זיי, די חקירות זענען געווען ממש א גהינום, מען האט זיי געפרעגט אן א שיעור פראגעס, די ענטפערס האבן געדארפט קומען אויפן פלאץ, אויף יעדע תשובה האט מען געדארפט חתמנ'ען, און דערנאך עס גוט געדענקען כדאי מען זאל זיך נישט סותר זיין קומענדיגע מאל...

אבער אפילו אין די שווערע קאלטע לאנגע נעכט, דארט אין תפיסה, האט ר' אליהו חיים ז"ל - אדאנק זיין זייגער וואס ער האט מיט נסי נסים אריינגעשמוגעלט אין תפיסה - נישט פארפאסט קיין נאכט פון צו אויפשטיין חצות. אין א קליין צימערל - ווי עס זענען געהאנגען די דיקע פעלצן פון די איינגעשפארטע -, איז ר' אליהו חיים געזעצן נאכט נאך נאכט און פארגאסן טייען טרערן, אויסגי־סענדיג זיין גאנצן הארץ פארן באשעפער אין זיין ביטערן מצב.

'די שוהל פון ראזען', פלעגן די אראסטאנ־טן רופן דעם שטיבל. אין די שפעטערע יארן פלעגט ר' אליהו חיים ז"ל זיך אויסדריקן: אויב וואלט איך יעצט זוכה געווען צו אזעלכע תפילות וואס איך האב געדאווענט אינעם בית הכנסת פון ראזען, וואלט איך שוין געהאלטן אין פיל א העכערע מדריגה.

אין יענעם טאג אינמיטן חודש שבט תרצ"ו, האט מען געשטעלט דעם דערהויבענעם חסיד ר' מת'עס צום אויספארשונג, אריס צו קוועטשן פון אים אן עדות-שאפט אויף די "געפערלי־כע" עוולות פון די צוויי צדיקים. די פארשער וואס האבן באלד דערקענט די תמימות פון ר' מת'עס האבן באשלאסן אים צו פארדרייען מיט א שפיצל, פרעגנדיג: "דו ווייסט פארוואס ראזען איז ארעסטירט?". ר' מת'עס האט אויף דעם גענטפערט נאגעטיוו: "ניין איך ווייס


רבי אליהו חיים ראזען ז"ל
לערנט פאר א שיעור ברבים

נישט!". "די סיבה פארוואס ער איז איינגע־שפארט - האבן די פארשער ערקלערט - איז וויבאלד ער פלעגט צוזאם נעמען געלט פון מענטשן זאגענדיג אז ער טיילט עס אויס פאר נויט באדערפענדע, און דערווייל האט ער עס געלייגט ביי זיך אין טאש". ר' מת'עס איז אויפגעשפרינגען הערנדיג דעם פאלשן בלבול אויסס־רייענדיג, "נישט אמת! עס הייבט זיך נישט אן, איך אליין פלעג באקומען פון אים געלט און פעקלעך... און איך ווייס פון נאך אסאך וואס האבן פון אים באקומעקן"... מער פון דעם האבן די סאוויעטישע רשעים נישט געדארפט...

זיי האבן אריין גערופן ר' אליהו חיים זיך מודה זיין, אבער ער האט געלייקענט שטיין און ביין. ווען ר' מת'עס האט געכאפט וואס דא האט פאסירט, האט ר' אליהו חיים אים געפרעגט מיט ווייטאג,

אליהו חיים אים געפרעגט מיט ווייטאג, "ר' מתתיהו, דאס איז דאס"? האט ער געענטפערט מיט דעם לשון, " מען ווייסט גארנישט, עס קען גאר זיין אז דאס איז א הכנה צו ארץ ישראל". כאטש ר' אליהו חיים האט געקענט ר' מת'ען אלס צדיק און בעל מופת ממש, דאך אין די שווערע מצב האבן די ווערטער אים נישט געטרייסט.

ר' מת'עס איז אהיים געגאנגען און ר' אליהו חיים צוריק אין תפיסה.

* * *

צען אזייגער דינסטאג נאכט כ"ז שבט תרצ"ו, האט מען ארויס געפירט די צוויי 'הארבע פארברעכ־ער', הגה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל, און הגה"ח ר' אליהו חיים ראזען ז"ל, אויפן וועג צום באן וואס וועט זיי פירן פון אומאן קיין קיעוו, און פון דארט צום..... חלילה. זיי האבן געמוזט גיין פונקטליך אינמיטן גאס, אפילו אויב א וואגן קומט זיי אנטקעגן טארן זיי זיך נישט ריקן נישט רעכטס, און נישט לינקס. אויב יא ־ קומט גראד א קויל אין קאפ. איין תפילה איז ארויס געשעפשעט געווארן פון צווישן די ליפן פון די הייליגע אידן: רבש"ע העלף אונז זאלן אנקומען אויף קבר ישראל...

דאן האט מען זיי ארויף געזעצט אויפן באן און געגעבן ערלויבעניש צו רעדן צווישן זיך, די צווי חברים וואס האבן שוין די לעצטע פאר חדשים נישט געקענט שמועסן, האבן זיך אריינגעלאזט אין א העפטיגע שמועס, א שיחת חברים. זיי האבן גערעדט התחזקות, זיי האבן גערעדט פון רבי'ן און פון זיינע עצות, אזש עס איז געגאנגען פייער.

זיצן די צוויי געהויבענע ברסלב'ע חסידים אויפן באן, אין די טיפע שעות פונעם טוקעלן נאכט. די באן פארט מיט א שנעלקייט זיך רוקענדיג נענטער צום ציהל. א ארט וואס וועט ווארשיינדליך זיין פאר זיי זייער לעצטע סטאנציע. די זייגער רוקט זיך פאראויס. און אט אט קלאפט שוין חצות. "חצות" די אטעם פון אט די צוויי. די "עיקר עבודת איש הישראלי" וואס דאס שטייט אין שפיץ פון זייער פולן סדר היום. עס איז די לעצטע נאכט זייערע, די לעצטע חצות אויף דער וועלט.

**עס איז געקומען די צייט אפצושטעלן די שמועס און גיין זאגן תיקון חצות, "די לעצטע תיקון חצות" אפראווען ריכטיג די לעצטע נאכט איידער מען טרעפט זיך שטיין פארן בי"ד של מעלה**

ר׳ אליהו חיים באמערקט די זייגער, און רופט זיך אן צו ר׳ לוי יצחק, עס איז געקומען די צייט אפצושטעלן די שמועס און גיין זאגן תיקון חצות, ״די לעצטע תיקון חצות״, אפראווען ריכטיג די לעצטע נאכט, איידער מען טרעפט זיך שטיין פארן בי״ד של מעלה.

ר׳ לוי יצחק טראכט א מינוט, זיין מיינונג איז אנדערש, עס איז טאקע וויכטיג צו אויסנוצן די נאכט און פראווען די עבודה פון חצות. פארהאן אבער אן עבודה וואס שטייט פיל העכער ווי דעם, ״די לעצטע נאכט דארף מען רעדן פון רבי׳ן!״, רופט ר׳ לוי יצחק אויס, צום שטוינונג פון זיין חבר ר׳ אליהו חיים. אבער נאך א מינוט שטימט ר׳ אליהו חיים אויך צו צו אים, רעדן פון רבי׳ן קומט טאקע פאר אלעם. די צוויי געטרייע חברים האבן יעצט אנגעהויבן מיט א פרישקייט צו רעדן צווישן זיך שיחת חברים, מיט א שלהבת אש קודש, דיבורים פון ברסלב׳ע חסידים אין שאטן פון טויט. אויב אין א פראסטן מיטוואך האבן זיך אלע זייערע דיבורים געדרייט נאר איבער דעם אמת׳ן תכלית, כל שכן יעצט זענדיג דעם טויט פאר די אויגן. אזוי האבן זיי אינאיינעם גערעדט דיבורי התחזקות, און עוסק געווען אין די געוואלדיגע עבודה פון רעדן שיחת חברים ביז אינדערפרי.

פון דא שילדערט ר׳ אלי חיים די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען:

״פונעם באן סטאנציע האט מען אונז געפירט איבער די גאסן פון קיעוו ווי פארברעכער. נאך א שטיק צייט האבן מיר דערגרייכט די טרויעריג בארימטע טורמע פון קיעוו. נאכן ווילן דארט א שטיק צייט, איז אנגעקומען א קליין קארל אן קיין פענסטער, מען האט אונז אריינגעקוועטשט אין דעם, פארשפארט די טירן פונדערויסן. נאכן א פארן שטרעקע זענען מיר אנגעקומען צו א בנין וואס האט זיך גערופן ״OBLSTNOI N.K.V.D״. וואס פון דארטן גייען ארויס די באפעלן ווי צו באהאנדלען יעדן פייל. אריינקומענדיג אינעם געפארפולן בנין האט מען איבערגעגעבן אונזערע דאקומענטן פאר׳ן הויפט סעקרעטאר - אן עלטערע מאן וואס עס האט זיך דערקענט אויף אים אז ער איז א איד - און ער האט אונז געפירט איבער א קארידאר ווי לאנג


רבי לוי יצחק בענדער ז״ל



דער אלטער קלויז און אומאן וואס רבי נתן זצ"ל האט מיט מסירות נפש געבויעט

דער גלות, מיט פיל צימערן ביי די זייטן, און אונז געזעצט נעבן זיין צימער. דאס איז געווען דאנערשטאג כ"ז שבט, ארום מיטאג צייט.

אזוי זענען מיר געזעצן דארט ביז חצות הלילה. דאן איז פלוצלינג ערשינען דעם אויבנדערמאנטן סעקרעטאר. ער האט אונז געפרעגט אויב מיר ווילן עפעס עסן, מיר האבן געענטפערט ניין, צוליב דעם וואס עס איז געווען ערב ר"ח אדר, אזוי אויך צוליב וואס מיר האבן געטראכט אז דאס איז אונזערע לעצטע שעות אויף די וועלט. האט ער אונז געפירט צום צימער פונעם הויפט קאמאנדיר - וואס ער, פונקט ווי דער סעקרעטאר, האט אויך אויסגעזעהן ווי א איד. דער קאמאנדיר האט פארלאנגט פון מיר א קורצע אויספארשונג וואס איז לויט מיין ביטע געפירט געווארן אויף אידיש. אינמיטן

דעם אויספארשונג גיבט ער מיר א פרעג, "וואס האט ר' נחמן מברסלב אויפגעטון אויף דער וועלט מער ווי אנדערע רבי'ס?" איך האב אים מסביר געווען עטליכע ענינים לויט ווי מען האט מיר אריינגעלייגט פון הימל אין מויל.

דערנאך האט דער קאמאנדיר אונז געמאלדן די אומגלויבליכע בשורה אז מיר זענען באפרייט! ער האט נאר פארלאנגט אז מיר זאלן אונטערשרייבן א דאקומענט אז מיר וועלן קיינמאל נישט פארלאזן די שטאט אומן אן רשות פון די נ.ק.וו.ד. דערנאך האט ער אונז צירוקגעקערט די פאספארטן און אונז געלאזט גיין פריי, נאר ער האט אונז געהייסן צירוקקומען דעם קומענדיגן טאג. די נאכט איז אריבער אויף אונז איינגעהילט אין שרעק, ווער ווייסט וואס ער וויל נאך פון אונז?! צומארגענס אבער איז נתברר

געווארן אז ער האט אונז נאר געוואלט איבערגעבן באן-קארטעס מיר זאלן פארלאזן קיעוו באלד מוצ"ש."

א צייט שפעטער איז קלאר געווארן די סיבה וואס האט געפירט צו זייער וואונדערליכע באפרייאונג. דער שווער פונעם הויפט קאמאנדיר איז געווען א פייערדיגע ברסלב'ע חסיד. זעענדיג ווי זיין איידעם ווערט פארשוועמט פון די קאמוניסטישע וויינטן, און דראפעט זיך ארויף אויף א הויכע שטעלע אין די געהיימע פאליציי, האט ער אים אנגעזא־גט, "ביטע, אויב וועט אריינפאלן צו דיר אין האנט ברסלב'ע חסידים זאלסטו טון אלעס וואס דו קענסט זיי צו באפרייען. יעצט ווען ער האט געזעהן דעם פייל וואס עס איז געשטאנען דערויף 'ברסלב־קי-סקציה-אומן' (די ברסלב'ע גרופע פון אומן), איז אים ארויפגעשווימען אין געדאנק די ביטע פון זיין שווער, און ער האט עס טאקע אויסגעפירט.

סוף חודש שבט האט ר' מת'עס געזאגט "דאס איז א הכנה צו ארץ ישראל". א זאך וואס האט זיך געהערט אומגלויבלעך אין די אויערן פון ר' אליהו חיים, ערב ר"ח אדר זענען זיי באפרייט געווארן, ערב שבועות האט שוין ר' אליהו חיים'ס פיס געטרויטן אויף די הייליגע ערד פון ארה"ק.

ווי ער האט זיך שפעטער אויסגעדרוקט עס איז ביי מיר מקוים געווארן וואס ווערט געברענגט אין ספר המדות (ישועה ט') קודם שעושה הקב"ה נס לאדם, האדם הזה נופל לרעה, והכל לפי גודל הנס.

* * *

די לעצטע נאכט פון זייער לעבן, ביי די עקסטע שעות פון חצות הלילה, האבן די צוויי דערהויבענע חברים נישט געטרא־פן עפעס א בעסערע עבודה צו טוען, נאר צו רעדן פונעם רבי'ן...

פערציג יאר נאך יענער נאכט, "אסרו חג



רבי לוי יצחק בענדער ז"ל ביים ציון הרשב"י אין מירון

פסח תשל"ו" זיצט ר' לוי יצחק אין ארץ ישראל, מיט א קבוצה ברסל'ע חסידים וואס שלינגען מיט דארשט יעדעס ווארט וואס גייט ארויס פון זיין מויל. ר' לוי יצחק רעדט פון די גרויסקייט פון רעדן פון רבי'ן. "אמאל איז געווען אן עבודה, עס איז געווען א זאך, זיך צונויף קומען און רעדן פון רבי'ן. די שווער ע"ה - ר' אהרן קיבליטשער איז געווען א גרויסער עובד ה', ער איז נפטר געווארן פ"א, און עס איז געווען ר' חיים קיבליטשער, זיי זענען געווען צדיקים, צוויי עובדי ה', יעדער איינער האט געדינט דעם אייבערשטן, אז זיי זענען געווען ביידע אין קיבליטש, איז אמאל דער שווער געגאנגען צו ר' חיים'ען, און אמאל איז ר' חיים געגאנגען צום שווער, איי פארוואס דארפען זיי גיין? 'דו' דינסט דאך דעם אייבערשטן ביי זיך און שטוב, און 'דו' דינסט דעם אייבערשטן 'דארטן', פארוואס דארף גיין דער צו דעם און דער צו דעם? נאר מען איז געגאנגען רעדן פונעם רבי'ן! עס איז געווען אן עבודה - רעדן פון רבי'ן" און ר' לוי יצחק שרייט אויס "דער רבי האט גע'פועל'ט ביים אויבערשטן אז ווען מען רעדט פון איהם האט מען א הרהור תשובה".



# אין א פראסטע מיטוואך

### א הארציגער בריוו געשריבן
### מלב ללב על ידי אחד מבני חבורה אנגעפילט
### מיט דיבורי התלהבות להתחזק יחד
### ולשמוח על נעים גורלינו

**שלום ורב טוב לכבוד אהובי חביבי ידידי היקר... ני"ו**

מיין טייערע חבר, ערלויב מיר ביטע, אריבער צו פירן אביסל מיינע געפילן וואס נעמען איבער מיין הארץ, צוריקערנדיג יעצט מיינע טריט נאכן זיך באטייליגן ביי א חבורה, וואו מיר האבן זיך צאמגענומען עטליכע חברים, אינאיינעם זיך צו מחזק זיין מיט די עצות און דיבורים פון הייליגן רבי'ן.

וואס זאל איך דיר זאגן מיין טייערע חבר, מיר זענען געזעצן און גערעדט דיבורים אין עבודת השם א לענגערע צייט, אה אזא ליכטיגקייט נישט גרינג איז געווען זיך אוועקצורייסן פון דארט. מען זעהט ווי אינגעלייט נעמען זיך צוזאם מיט אזא איינזאמע ליבשאפט, מיטן בלויזן איינציגע ציהל צו רעדן פון תכלית, סאיז אזא געשמאק, אשרינו! ווי וואויל איז אונז.



און ווער רעדט נאך פון די דיבורים וואס מען האט גערעדט דארט, איך האב פשוט נישט די ווערטער עס אראפצולייגן. מען זעהט בחוש

דעם כח פון הייליגן רבי'ן, פשוטע אינגעלייט זאלן זיך צאמקומען און רעדן אזעלכע דיבורים וואס וואלט געפאסט פאר די חברייא פון די תלמידי בעש"ט. אלעס דרייט זיך ארום איין זאך; ווי אזוי איז מען זוכה צו באמת נתקרב ווערן צום אויבערשטן, און ארויסגיין פון די אומווערדיגקייט פון עוה"ז. מען האט טאקע גערעדט פון גאר פשוט'ע זאכן, קיינער איז נישט געווען פארנומען ווי אזוי מען איז זוכה צו מאכן גלגול שלג, לערנען 18 שעה א מעת לעת, אדער פאסטן משבת לשבת. מען האט סך הכל ארום גערעדט איבער זיך שטארקן אויף מחשבות זרות ביים דאווענען א.ד.ג.. אבער אלעס מיט אזא פשטות און אמת'דיגקייט, נישט ווייל פונקט רעדט מען פון דעם אין פרשת השבוע, נאר דאס איז וואס מיר ווילן באמת טון.

וואו נאך אין די וועלט איז פארהאן אזא זאך; 'אין א פראסטע מיטוואך' זאלן זיך פשוט'ע אינגעלייט צאמנעמען רעדן אזעלכע דיבורים פון תכלית, פון אזעלכע פשוט'ע טרוקענע מושגים, זאכן וואס מען טוט סיי ווי יעדן טאג, תפילין, נעגל וואסער וכו', און זיך פשוט מחי' זיין מיט דעם?! אנדערע אין די וועלט ווען זיי נויטיגטן זיך אין חיות, קענען זיי עס שטילן נאר דורכ'ן זיך פארהערן די הוראה אדער ענדיגן ש"ס, ווייל דער פשוט'ע טאג טעגליכע לעבן איז שוין אויסגעוועפט וכו'. אונז גיבט אבער די רבי אריין אזא אמת, אונז זאלן אנהויבן זעהן ווי רייך אונז זענען, מיר דארפן נישט זוכן יעדן טאג עפעס אנדערש צו שטילן דעם דארשט, אפשר דער ספר אדער יענע מסכתא וכו', אונז האבן ב"ה מיט וואס זיך צו מחי' זיין און לעבן באמת א חיים טובים.

פון די אנדערע זייט זעהט מען ווי אינגעלייט בענקען צו אזעלכע זאכן, וואס אין די

וועלט ווערט עס אנגערופן 'מדרגות'. מען האט ארום גערעדט ווי אזוי קען מען זיך היטן די אויגן, אין אזא ערות הארץ וואס אונז לעבן, מען האט זיך מחזק געווען איינער דעם צווייטן צו גיין אין גאס אן גלעזער, כאטש ס'איז וואס מענטשן קוקן אן אזא איינעם ווי א 'פארפרומטער'. אויך האט מען זיך אינאיינעם געשטארקט אין דעם ענין פון תאוות אכילה, ווען א אינגערמאן האט געגעבן גאר א פראקטישע

## די שמועס פארקייקלט זיך און מען טרעפט זיך פלוצלינג פון א געשמאקע שיחת חברים טיף אין א זאפטיגע פאליטיק שמועס

עצה, מען זאל פרובירן צו עסן יעדן טאג פאר פרישטאג די זעלבע מעניו, כדי די קאפ זאל נישט זיין אזוי טיף איינגעזונקען אינעם טעלער עסן, טראכטענדיג 10 מאל צי עס שמעקט מיר יעצט מער אייער שפייז מיט טשיז אדער אן. וואס די זאכן ווער מאכט בכלל א עסק דערפון?! נאר ברסלב'ע חסידים, אבער, וואס פרייען זיך מיט די זאך אליין, וואס א חילוק צווישן ש"ס און נעגל וואסער?ביידע האט די אויבערשטער געהייסן טון און מען גייט באקומען שכר דערויף!

אשרינו מה טוב חלקינו, וואס מיר זענען זוכה זיך צו דרייען צווישן ברסלב'ע חסידים, סאיז א אנדערע לעבן, א חיים טובים ממש! יעדע פרט אין אידישקייט איז אזוי זיס און געשמאק, נישט נאר ווען עס קומט צו א קה אכסוף פרייטאג צונאכטס, אדער א נשמת שבת בייטאג, וכו', א 'פשוט'ע' אשר יצר ווערט אויס פשוט, יעדע קושן די מזוזה, יעדע פסוק חומש, איז פשוט א מחי', וואס איז דא בכלל צו זיין בעצבות אז מען איז איבערגעפולט מיט אזעלכע אוצרות?!

זאלסט אבער נישט טראכטן ברודער טייערער, אז אלעמאל ביי די חבורה איז אזוי געוואלדיג, אז איך שפיר אזא ליכטיגקייט. פארהאן וואכן וואס עס קראצן זיך קוים צאם אפאר אינגעלייט. די ערשטע פאר מינוט הערשט א שטילקייט, קיינער האט עפעס פונקט נישט קיין נושא צו רעדן, ביז איינער איז זיך מרחם און הייבט אן פארלערנען א שיחה פון שיחות הר"ן. צומאל ווערט עפעס דערפון, צומאל אבער גייט אריבער די גאנצע צייט מיט אן אומאנגענעמקייט, א ווארט דא א דיבור דארט, אבער בקיצור, ס'איז נישט. מאכט זיך אויך אזעלכע פעלער וואס די שמועס פארקייקלט זיך, און מען טרעפט זיך פלוצלינג פון א געשמאקע שיחת חברים, טיף אין א זאפטיגע פאליטיק שמועס רח"ל.

וויסן זאלסטו אבער, אז דאס אליין וואס ברסלב'ע חסידים נעמען זיך צאם זיך צו

צאמרעדן דיבורים פון תכלית, כאטש עס זעהט אויס ווי געשילדערט אויבן, און אפילו סאיז פשוט'ע אינגעלייט נישט ווי די עובדים פון אומאן, און נישט ווי די חבורה אין טראהוויצע, דאך דורך דער עצם זיך צאמנעמען איז מען פשוט ממשיך דעם הייליגן רבי'ן! די רבי געפונט זיך דארט! און בוודאי יעדן דיבור וואס מען רעדט ארויס איז יקר וחשוב מאוד, ווי שוין אויסגעשמועסט אן א שיעור מאל אין דעם הייליגן רבינס ספרים. און מיט די צייט זעהט מען טאקע ווי אפילו פון אזא חבורה שעפט מען מורא'דיגע חיות.



נאכמער פון דעם, וועל איך דיר פארציילן ליבער פריינט, אז אין אנהייב ווען איך פלעג קומען צו די חבורה האב איך נישט געהאט קיין שום חיות פון דעם. ס'האט נישט גערעדט צו מיר. רוב מאל איז טאקע נישט געווען עפעס מורא'דיגע דיבורים, מ'האט געלערט אפאר שטיקלעך שיחות הר"ן פון אינעווייניג, און ווייסט דאך ס'איז נישט געווען אזוי געוואלדיג. איך האב סך הכל נישט געוואלט מחליש דעת זיין דעם אינגערמאן וואס האט צוזאמגערופן די חבורה, האב איך אים פשוט א טובה געטון און איך בין געקומען. כ'האב געטראכט צו מיר וואס פעלט עס אויס, איך לערן דעם רבי'נס ספרים, איך מאך התבודדת יעדן טאג, צו וואס דארף איך עס האבן? און קוק אהער היינט וואסערע געוואלדיגע הרגשה איך האב נאך א חבורה. ווייל מיט די צייט האט מיר דער אויבערשטער געהאלפן, כ'האב באקומען ממש א נייע לעבן, ווי דו קענסט אליין זעהן פון מיינע ווערטער־ אנפאנג דעם בריוו. שטעל דיר פאר איך לאז עס דעמאלטס אפ...

שטארק זיך ברודער דערהאלט זיך אין יעדע מצב און אין יעדן פלאץ, גיי אן מיט א התחדשות און א פרישקייט אין עבודת השם, ובפרט אין די געוואלדיגע זאך פון שיחת חברים, וואס ווי די רבי זאגט אין תורה ל"ד איז דאס די וועג צו קענען מקבל זיין די נקודת הצדיק פון הייליגן רבי'ן. אשרינו שיש לנו רבי כזה!

חבריך הכותב בלב מלא
רגשי תודה והודאה להשי"ת,
על נעים גורלינו.

# אינהאל
# ענטפע

## אויף שאלות אין די נושא פון זיך האלטן צוזאמען און קומען יעדע וואך צו א חבורה

גענטפערט דורך
הרב ר' ראובן שיף שליט"א
מנהל חבורות מורשת הנחל
בארה"ק

**שאלה:** פארוואס פעלט אויס די גאנצע זאך פון חבורות איך לערן ב"ה דעם הייליגן רבי'נס ספרים און פרוביר צו פאלגן זיינע עצות איז דאס נישט גענוג?

**תשובה:** עס איז גאר חשוב אז מען לערנט טאקע דעם רבי'נס ספרים און מען פאלגט די עצות. אבער מיט דעם אלעם פעלט זיך אויס צו גיין צו א חבורה, ווייל די הייליגע רבי האט געזאגט פאר זיין הסתלקות: "רק תחזיקו עצמכם ביחד אז תהיו אנשים כשרים וכו'". קומט אויס אז דער תנאי - צו זיין באמת מקורב צום רבי'ן - איז אז מען מוז זיך האלטן צוזאמען.

און בכלל זאגן שוין חז"ל: "אין דומה מועטין העושין את המצוה למרובים העושים את המצוה", וואס פון דעם זעהט מען אז א כח הרבים איז גאר עפעס

אנדערש.
אזוי אויך איז דא דאס וואס די רבי זאגט אין תורה ל"ד, אז צו מקבל זיין דעם אור הצדיק דארף מען האבן דריי נקודות, נקודת הצדיק, נקודת החבר, און נקודת עצמו. ר' נתן איז מבאר אין ליקו"ה, אז די נקודת החבר דאס איז מחבר צווישן די נקודת הצדיק און נקודת עצמו.
איך האף אז סאיז געגוג די פאר ווערטער, ווייל מען קען שרייבן אן קיין סוף, נאר מען וויל רעדן קורץ.

**שאלה: איך קום ב"ה יעדע וואך צו שלש סעודות בבית מדרשינו, ווי איך טרעף זיך מיט חברים און איך הער די דיבורים פונעם הייליגן רבי'נס תורות, אזוי אויך שטרענג איך זיך אן צו קומען כסדר דאווענען מיט אונזערע לייט, הייסט נישט זיך האלטן צוזאמען?**

**תשובה:** אוודאי הייסט עס זיך האלטן צוזאמען, און ס'איז זייער חשוב, בפרט דאווענען צוזאמען מיט אנ"ש בבהמ"ד הנקרא ע"ש הצדיק, אבער סאיז דא אן עקסטערע מעלה אין די זאך פון חבורות. ווייל דאווענען און זיצן של"ש דארף מען סיי ווי, נאר ס'איז א געוואלדיגע זאך דאס צו טון מיט אונזערע לייט. אבער ווען מען קומט צו א חבורה, מאכט מען א ספעציעלע פעולה פון התקרבות לצדיק, מען קומט עקסטער צו א חבורה מיט איין מטרה, מען קומט זיך צאם לשמוע את דבר ה' בהדרכת ועצת רביה"ק, דאס האט אן אנדערע כח.

**שאלה: איך הער אסאך די געשמאקע שיעורים און שמועסן אויפן טעלעפאן ליין ווי אויך די מעסעזשעס פון די חברים איז דאס נישט גענוג נקודת החבר?**

**תשובה:** אינו דומה שמיעה לראיה. די צוזאמען טרעפן זיך מיט די חברים פנים אל פנים איז זיכער חשוב'ער עשרת מונים. בפרט אז ס'האט א כח הקדושה וואס

מער מענטשן עס נעמען זיך צאם בקיבוץ, ווי חז"ל זאגן אין פרקי אבות: "עשרה שעוסקים בתורה שכינה ביניהם ומנין אפילו חמשה וכו'", זעט מען אז ס'איז דא א כח פון א ציבור. אזוי אויך, פונקט ווי מען קען נישט דאווענען מיטן טעלעפאן ליין, נאר מען דארף א מנין בפועל ממש, אזוי אויך ביי שיחת חברים דארף מען זיך צאמנעמען ביי א חבורה בפועל ממש.

מען קען אויך צולייגן די ענין פון ריבוי הבתים - וואס די רבי רעדט אין תורה ח' תנינא אויף די זאך פון קיבוץ - אז יעדעס מאל וואס מען נעמט זיך צאם, איז יעדער יחיד וואס קומט צו דאפלט זיך די כח הקדושה צענדליגע מאל.

## האט מיר דערמאדערענער איד געזאגט: "בחור'ל דו שטייסט פאר'ן חתונה האבן, קום אריין איך וועל דיר געבן אן הדרכה פאר דיין חתונה"

שאלה: איך קום ב"ה יעדע וואך צו א חבורה אבער איך האב נישט קיין חיות דערפון איך שפיר נישט ווי עס רעדט צו מיר און עס גיבט מיר עפעס צו?

**תשובה:** ס'איז דא עטליכע תשובות אין דעם נושא

1) אויך ווען א מענטש נעמט איין א רפואה פילט ער נישט גלייך די תוצאות, און אסאך מאל געדויערט עס עטליכע טעג. אזוי אויך ברוחניות קען עס נעמען ימים ושנים. ממילא דארף מען האבן אמונה אין רבי'ן אז עס פועל'ט יא, וברבות הימים תמצאנו.

2) מ'דארף טאקע פרובירן צו זען פארוואס דו האסט נישט קיין חיות, אפשר איז דא עפעס אין די חבורה וואס מען דארף פארבעסערן, אדרבה לייג צו א האנט און מח וואס דו קענסט טון צו אויפלעבן די מצב.

3) אפשר דארפסטו פרובירן אן אנדערע חבורה וואס פאסט מער פאר דיר [אויב

ס'איז דא].
אבער אויב טאקע ס'איז נישטא וואס צו מאכן, דאן ליין נאכאמאל איבער די ערשטע תשובה. און פארשטייט זיך פארגעס נישט אז אויף יעדע זאך דארף מען דאווענען און בעטן דעם אויבערשטן, איז בעט אים אז דו זאלסט זוכה זיין צו שפירן א חיות און א תועלת דערפון, און מיט די צייט וועסטו בוודאי זען פלאות.

**שאלה: איך שפיר ווי מען רעדט ביי די חבורה הויכע זאכן וואס זענען נישט אויף מיין דרגה?**

**תשובה:** ראשית, בעט מען זאל יא רעדן זאכן וואס זענען אויף דיין מדרגה.
ושנית, די רבי זאגט דאך בפירוש אז אפילו ווער עס פארשטייט נישט זיין תורה האט א תועלת דערפון, ווייל די עיקר תורה איז געזאגט געווארן פאר די נשמה. ממילא בכל אופן איז דא דערין א געוואלדיגע תועלת, און מען דארף גלייבן אז יעדע דיבור פון הייליגן רבי'ן איז אן הצלחה נצחית בזה ובבא, אפילו אויב מען שפירט עס נישט יעצט.

**שאלה: עס זעהט מיר אויס ווי די גאנצע זאך פון די חבורות איז געווען אמאל פאר די עובדים וואס אלע זייערע דיבורים זענען געווען נאר ווי אזוי צו ווערן נאנט צום אויבערשטן, אבער איך אין מיין דרגה, קודם זאל מיין דאווענען אויסזעהן ווי עס דארף צו זיין איידער איך גיי צו א חבורה רעדן אין 'עבודת**

**תשובה:** אדרבה ווער עס איז נאך נידריג דארף נאכמער א חבורה וואס דאס איז פאר אים ממש כאוויר לנשימה ברוחניות.
איך האב געהערט אמאל א מעשה פון מיין שכן, א איד מיטן נאמען ר' שאול ארי' איינהארן שליט"א משב"ק ביי האדמו"ר מתוא"י שליט"א. האט ער מיר פארציילט: "פאר 45 יאר צוריק אלס חתן, האבן מיינע עלטערן מיר געקויפט א דירה פון א מאדערנער איד וואס האט ליידער געהאט א טעלעוויזע אין דערהיים רח"ל, אבער פארדעם איז ער געווען אן אלכסנדר חסיד. מיין זיידע

איז אויך געווען אן אלכסנדר חסיד, דעריבער האט ער מיר געגעבן די דירה פאר ביליגער.

צוויי וואכן פאר מיין חתונה, בין איך אים געקומען ברענגען די לעצטע באצאלונג, האט מיר דער מאדערענער איד געזאגט: 'בחור'ל דו שטייסט פאר'ן חתונה האבן, קום אריין איך וועל דיר געבן אן הדרכה פאר דיין חתונה.' איך בין געווארן אינגאנצן דערשראקן, וואס וויל ער דא פון מיר? אבער איך האב נישט געהאט קיין ברירה, און איך בין אריין צו אים. האט ער מיר געזאגט: 'זאלסט וויסן צדיק, אז נאך די צווייטע וועלט מלחמה זענען מיר איבערגעבליבן אפאר צובראכענע אידלעך חסידי אלכסנדר, און מיר האבן זיך צוזאמענגענומען אינאיינעם יעדע וואך אין א צווייטן'ס הויז. דיין זיידע איז אויך דארט געווען. עס איז געווען גאנץ שוואך, מען האט געזונגען אביסל ניגונים, און געלערנט אביסל ישמח ישראל, עס איז נישט געווען עפעס מורא'דיג. דעריבער האב איך אויפגעהערט צו קומען.'

דא האט דער מאדערענער איד אויפגעהויבן זיין קול און מיר געזאגט: 'בחור'ל יעצט קוק אויף מיר, דו ווייסט פארוואס איך זעה אזוי אויס? דאס איז אלס צוליב דעם וואס איך האב אויפגעהערט קומען צו די חבורה. איך געב דיר אן הדרכה פאר דיין חתונה - אויב דו ווילסט בלייבן ערליך - יעדע חבורה און התאספות זאלסטו זעהן זיך צו משתתף זיין דארט און אזוי וועסטו געראטעוועט ווערן.'"

ומה נענה אנ"ן אנשי נחל נובע...

**שאלה: וואס איז פשט אז מען מאכט אזא מצב פון די חבורות, ביי אונזערע לייט איז אלץ געגאנגען בהצנע לכת, מיט א פשטות. מען איז זיך צוזאמענ־געקומען רעדן פון רבי'ן אן קיין מצב אז יעדער דארף האבן א חבורה וכו'**

**תשובה:** מצד די עצם מציאות פון א חבורה איז דאס נישט קיין סתירה מיט הצנע לכת, ווייל די חבורה איז נאר אין געוויסע צייטן, אבער רוב טאג קען מען פירן די עבודת השם אויף א באשיידענעם אופן. אזוי ווי עס איז באקאנט דאס וואס ר' נתן זאגט: לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור, אז א מענטש דארף טאקע דינען דעם אויבערשטן פאר זיך אליינס אבער פון די אנדערע זייט דארף ער זיך באהעפטן צום ציבור. און דאס וואס מען מאכט א מצב און

ארום דעם איז פשוט. ווייל אויב מען מאכט אזא מצב פון עניני עולם הזה - אויף אזא פארנעם וואס עס איז היינט דא - דארף דאך זיכער אויך זיין עפעס א מצב אין רוחניות.

**שאלה: וואס איז די בעסטע אופן צו פירן א חבורה; פשוט שיחת חבירים, אדער לערנען א געוויסע ספר - לדוגמא שיחות הר"ן - און רעדן ארום די שיחה, אדער זאל איינער רעדן און עס זאל ווערן דערפון א שמועס?**

**תשובה:** אלע אופנים זענען גוט, אבער יעדער איינער האט א צווייטע זאך וואס רעדט צו אים. דערפאר איז גוט אז עס זאל זיין איין אינגערמאן וואס טראגט די אחריות און ער האט אלעמאל וואס צו רעדן, כדי מען זאל נישט ארויסגיין מיט גארנישט. מיין פערזענליכע עקספיריענס איז אז עס איז בעסער א דרשן, ווייל דעמאלטס גייט מען אלעמאל ארויס מיט עפעס. אבער אפילו ביי שיחת חבירים - וואס דאס איז אויך א געוואלדיגע מעלה - איז גוט אז עס זאל זיין איינער וואס גרייט זיך אן צו רעדן עפעס כנ"ל.

**שאלה: וואס טוט מען אויב מען טרעפט זיך ביי א חבורה און קיינער האט עפעס פונקט נישט קיין דיבורים, עס הערשט אן אומאנגענעמליכ-קייט און עס איז שטיל?**

**תשובה:** מען קען זינגען עפעס א ניגון... דערפאר טאקע איז גוט עס זאל זיין איין אינגערמאן וואס האט עפעס צו רעדן כנ"ל בשאלה הקודמת. אדער אויב לערנט מען פון א ספר האט מען דאך אלעמאל וואס צו לערנען.

**שאלה: איך האב שוין כמה פעמים אנגעהויבן גיין צו חבורה אבער נאך עטליכע וואכן בין איך אראפגעפאלן פון דעם. וואס קען איך טון עס יא אנצוהאלטן?**

**תשובה:** תפילה. דאוונען און בעט דעם אויבערשטן זאלסט זיך קענען האלטן מיט אנשי הצדיק, זיך שטארקן אינאיינעם אין עבודת השם.

מען דארף געדענקן אז אפילו איין הרהור תשובה איז גאר טייער, קל וחומר כמה וכמה חבורות וואס דאס איז זיכער זייער טייער. ובריבוי התחלות, מיט אסאך תפילות וועט מען צום סוף זוכה זיין צו א קביעות.
קביעין כן תהוון בהנהו חבורתא!

**שאלה: די חבורה שטערט מיר מיין סדר היום. מיינע שיעורים קבועים, מיין התבודדת, וכו', איז עס כדאי?**

**תשובה:** עס איז גאר שווער צו ענטפערן אויף די שאלה. ווייל דאס ווענט זיך גאר שטארק ביי יעדעם בפרטיות, ווי שטארק עס שטערט אים, וויפיל די חבורה שטארקט אים, און אויב ער האט בכלל נאך זאכן וואס האלטן אים אין רבי'נס זאך - צום ביישפיל ער דאוונט כסדר בבית מדרשינו, ער קומט של"ס, וכו', - אדער נאר די חבורה איז דאס וואס האלט אים מיט אונזערע לייט. דעריבער דארף מען פאר דעם גאר אסאך תפלה, התבודדת, און בקשות. צו בעטן דעם רבוש"ע 'ותקנינו בעצה טובה מלפניך', אז די די אויבערשטער זאל אים פירן אויפן ריכטיגן וועג.

**שאלה: לסיום וואס קענט איר געבן כלליות'דיגע עצות צו קענען פירן די חבורה אויפן ריכטיגן אופן?**

**תשובה:** א) ערשטענס תפילה איידער יעדע חבורה. ב) נגינה, עס איז גאר חשוב מען זאל זינגען עפעס א ווארימע ניגון איידער מען הייבט אן די חבורה. אזוי ווי די רבי האט געזאגט "הנגינה שלכם היה בוקע רקיעים". ג) עס איז כדי עס זאל זיין איין אינגערמאן וואס זאל זיין ממונה אויף די חבורה, און וואס זאל דאגה'ן, צולייגן קאפ, און ארומרופן מחזק זיין די חברים צו קומען. ד) עס איז גאר כדאי צוצוענדיגן די חבורה - כמנהג אנ"ש נאך וואס מען רעדט פון רבי'ן - מיט א ריקוד פון שמחה של מצוה, וואס ווי ידוע איז דאס אויך ממתיק דינים. אזוי אויך די זאך פון נגינה און ריקודים, ברענגט שטארק צאם די חברים. ה) אזוי אויך אויב מען קען מאכן פון צייט צו צייט גרעסערע פעולות ווי מלוה מלכה'ס סעודות ר"ח און דענסט גלייכן ארייצוברענגען א התחדשות צווישן דעם עולם.

# קביעין כן תהוון בהנהו חבורתא


א פערזענליכע געשיכטע פון א ברסלב'ע אינגערמאן וואס דערציילט ווי אזוי ער האט זוכה געווען מקורב צו ווערן פונדאסניי א דאנק דעם וואס ער האט אנג־עהויבן דאווענען בקביעות אין בית מדרשינו הנקרא ע"ש הצדיק און זיך דרייען מיט אונזערע לייט. אזוי ארום האט ער זוכה געווען צו ווערן פון די כיתה וואס זענען איינגעבאקן אינעם הייליגן רבי'נס הארץ.
הרוצה בעילום שמו

# מרחוק ה׳ נראה לי ואהבת עולם אהבתיך

פיל וואסערן זענען שוין דורכגעפלאסן זינט דאן ווען איך האב זוכה געווען צו אנטפלעקן די געוואלדיגע ליכטיגקייט פונעם הייליגן רבי׳ן און שטילן מיין דארשט מיט די לויטערע וואסער פונעם נחל נובע מקור חכמה. איך האב צוברא־כן אסאך מניעות כדי צו קענען געניסן פון אט די אומגעהויערע זיסקייט. צו פארציילן און אויסרעכענען אלעס וואס איז אויף מיר אריבער וועט זיך די טינט פון פעדער ענדיגן אבער נישט די פאסירונגען.

ב״ה איך האב זוכה געווען צו אנקומען צו די געוואלדיגע אור וואס האט מיר באלאכטן מיין לעבן. די עצות פון הייליגן רבי׳ן האבן מיר געשטעלט אויף די פוס און די תורות האבן מיר מחיה געווען און אויפגעשיינט מיין פארטונקלטע מצב. די דיבורי התחזקות האבן דערפרישט מיין אויסגעדארשטע נשמה און אריינגעבלאזן אין מיר א פרישע גייסט צו אנהייבן פונדאסניי און נישט אראפ פאלן פון קיין שום זאך. אזוי אויך, די נאנשאפט צום אויבערשטן אין יעדן מצב וואס מען געפונט זיך נאר, און ועל כולם א צדיק אמת וואס באגלייט מיר און העלפט מיר אין יעדן טריט אין מיין לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

אין די ערשטע יארן פון מיין התקרבות האב איך נאכנישט זוכה געווען זיך צו דרייען באמת מיט אונזערע לייט - אנשי הצדיק. אין אנהייב האב איך זיך געשעמט אריין צו טרעטן אין א ברסלב'ע שוהל, אבער אפילו שפעטער איז מיר עס פשוט נישט אויסגעקומען צוליב די ווייטע שטרעקע וואס האט אפגעטיילט צווישן מיין וואוינארט און די ברסלב'ע שטיבל אין מיין שטאט. אזוי אז איך האב זיך איינגעגלידערט אינעם לאקאלן בהמי"ד אין מיין געגנט, און געפראוועט מיין עבודת השם ביני לבין קוני.



איך האב געהאט א מורא'דיגע חיות פון די הייליגן רבי'נס ספרים. איך האב געהאט מיינע קביעות'דיגע שיעורים דערין וואס דאס האט מיר דערהאלטן. איך פלעג בעיקר לערנען די גרינגערע ספרים ווי משיבת נפש, עלים לתרופה און ליקוטי עצות, ווי אויך פלעג איך אויסגיסן מיין הארץ איבערן ליקוטי תפילות. אבער ליקוטי מוהר"ן און ליקוטי הלכות האב איך נישט פארשטאנען געהעריג. איך פלעג זאגן די ווערטער און געגלייבט אז דאס אליין ברענגט אריין אין מיר א קדושה.

איך פלעג אויך פרובירן צו מקיים זיין די עצה פון הייליגן רבי'ן פון התבודדת. אין געוויסע צייטן האט מיר די עצה זייער געכאפט, זיך אויסצורעדן צום אויבערשטן אויף אידיש, איך האב געשפירט א שטארקע געשמאק דערין. איך פלעג ארויסגיין אין פעלד זינגען צו זיך אפאר געשמאקע ניגונים און אויסגערעכנט מיינע בקשות פאר'ן רבוש"ע. געווען אבער צייטן וואס די זאך האט מיר נישט געשיינט, איך האב נישט געקענט געהעריג ארויסגעבן מיינע געפילן [שפעטער בין איך געוואר געווארן אז מען רופט עס נישט האבן קיין דיבורים]. דאן האב איך זיך באגנוגט צו זאגן אפאר בקשות אויף אידיש פאר אלוקי נצור אדער אין בעט וכו'. איך האב אנגעקוקט די גאנצע זאך ווי א געשמאקע עצה פון רבי'ן אבער ווען עס גייט נישט איז נישט, די רבי קומט דאך נאר גרינגער מאכן פארן מענטש נישט ארויפלייגן אויף אים נאך חיובים.

אזוי איז אריבער אויף מיר א לאנגע תקופה וואס איך פלעג זיך מחי-ה זיין מיטן הייליגן רבי'נס ספרים און זיינע געוואלדיגע עצות ביני לבין עצמי און צו כמעט אריינטשעקן אין א בהמי"ד הנקרא ע"ש הצדיק, אדער רעדן מיט ברסלב'ע חברים. די איינציגע זאך וואס האט מיר געהאלטן פארבינדן מיט ברסלב'ע

חסידים איז געווען די גאר געשמאקע שיעורים וואס איך פלעג הערן אויפן טעלעפאן ליין און זיך כסדר שטארקן דערמיט. אבער באופן אישי האב איך זיך כמעט נישט געקענט מיט אנ"ש.

מיט די צייט האב איך אנגעהויבן כאפן אז ברסלב איז פיל מער ווי שיינע עצות, תורות, און דיבורי התחזקות

אין א שיינעם טאג האט די השגחה עליונה צוגעפירט אז איך זאל מיר אריבער ציען צו א נייע דירה וואס איז דאסמאל אויסגעקומען גאנץ נאנט צום ברסלב'ע שול אינעם שטאט, און אויטאמאטיש האב איך אנגעהויבן צו דאווענען דארטן. שוין פון די ערשטע מינוט האב איך אויפגעפאסט אז א ברסלב'ע בהמ"ד איז נישט סתם אזוי ווי ביי אנדערע קהילות וואס האבן א בהמ"ד פאר זייערע חסידים וואו זיי דאווענען זייער נוסח וכו', ס'איז עפעס פיל מער ווי דעם. די אחדות און אהבה וואס מען זעט דארט איז עפעס וואס מען קען נישט אראפלייגן מיט ווערטער. מען האט מיר אויפגענומען מיט אזא הארת פנים, מען האט געזען ווי זיי פרייען זיך באמת אז עס נתוסף געווארן א פרישע נפש צום קיבוץ.



אזוי האב איך טאקע אנגעהויבן קומען דאווענען דארט די תפילות פרייטאג צונאכטס און שלש סעודות. איך האב גאר שטארק הנאה געהאט פון די ווארעמע דאווענען פון קבלת שבת מיט די התעוררת'דיגע נוסח פון אונזערע לייט. ווער רעדט נאך פון די של"ס, די זמירות, די דיבורים, אה, ממש מעין עוה"ב! שבת אינדערפרי האב איך ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קומען. ס'איז מיר געווען צו שווער אויפצושטיין אזוי פרי. אזוי אויך אינמיטן וואך איז מיר עס נישט אויסגעקומען.

מיט די צייט האב איך אנגעהויבן כאפן אז ברסלב איז פיל מער ווי שיינע עצות, תורות, און דיבורי התחזקות - אזוי ווי איך האב עס אנגעקוקט פארדעם, קענעדיג ברסלב נאר פון די ספרים און שיעורים. ערשטנס האב איך אנגעהויבן זען אז ביי

ברסלב'ע חסידים איז די רבי ממש א לעבעדיגע רבי. כ'האב געזען ווי אזוי די אינגעלייט רעדן; די רבי זאגט אין די תורה אזוי, סאיז דא אזא שיחה פונעם רבי'ן, און יענעם דיבור וכו', עס האט אויסגעזען ווי זיי קענען זיך פשוט מיטן רבי'ן. זיי האבן גערעדט פון א עכטע זאך, א לעבדיגע זאך, כאילו זיי האבן אים יעצט ממש געזען. די זאך איז ביי מיר געווען א מורא'דיגע חידוש, ווייל אין מיינע אויגן איז די רבי געווען אזוי ווי אלע אנדערע צדיקים וואס האבן איבערגעלאזט ספרים און מען קומט צו זייער ציון פועל'ן ישועות. נאר די חידוש פונעם רבי'ן איז, אז ביים רבי'ן באקומט מען רוחניות, נישט נאר פרנסה געזונט נחת. די רבי גיבט אריין א חיות אין אידישקייט, און די ריכטיגע כלים זיך צו שטארקן אויף די נסיונות הזמן. אזוי אויך פועל'ט מען ביי זיין ציון אזעלכע תיקונים וואס קיין שום צדיק האט נישט געזאגט אז ער קען געבן וכו'. איך האב אבער נישט אנגעקוקט די זאך אז מען קען געהעריג מקבל זיין פונעם רבי'ן און די זאך גייט אן פונקט ווי בחייו - אזוי ווי כ'האב יעצט אנדעקט צוזעענדיג דעם לעבן פון ברסלב'ע חסידים, וואס אלץ ביי זיי איז נאר די רבי.

# דעמאלטס האב איך איינגעזען אז עס איז בכלל נישט אזוי שווער, נאר פארקערט, ס'איז ממש א גן עדן, אויפשטיין ווען די גאסן זענען נאך רואיג און גיין דאווענען מיט א ישוב הדעת



צוביסלעך - צוזעענדיג פון די נאנט די לעבן פון ברסלב'ע חסידים - האב איך אנגהויבן אויפדעקן נאך נקודות ווי אזוי די רבי גיבט אונז א נייע לעבן ממש. מען זעט ביי ברסלב'ע חסידים די זאך פון לעבן מיטן תכלית; מען קומט אריין אין בהמי"ד

זעט מען נישט קיין קופקעס וואס קייען איבער אלע נייעס פון די לעצטע פאסירונגען אויפן וועלט און אין די א.ג. חסידישע הויפן. די שפראך צווישן דעם עולם איז אזוי תכלית'דיג. מען זעט ווי די אינגעלייט לעבן באמת מיט אן אנדערע שאיפה ווי מאכן געלט אדער זיין א מוצלח'דיגע עובד השם. זייערע אויגן זענען געווענדן אין אן אנדערע ריכטונג אינגאנצן ווי די גייסט פון די היינטיגע וועלט. פאר זיי שטייט איין זאך, "ווי אזוי קען איך זוכה זיין באמת אויסצופירן דאס פארוואס איך בין באשאפן געווארן – די אמת'ע ציל אויף וואס דער רבוש"ע האט מיר אראפגעשיקט אויף דער וועלט".

די רואיגקייט און שלוות הנפש וואס איז אויסגעשפרייט אויף די געזיכטער פון ברסלב'ע חסידים איז עפעס וואס מען טרעפט נישט אין די גאנצע וועלט. די אויסערגעווענדליכע התחזקות פון הייליגן רבי'ן באגלייט זיי און שטארקט זיי אין יעדן מצב ווי זיי פאלן נאר אריין. די רבי גיבט אריין פאר א מענטש די דעת ער זאל אויפהערן פירן אליין זיין לעבן און טראכטן א גאנצן טאג צו ער קומט אן עפעס אין עבודת השם צו נישט. ווייל אפילו אויב א מענטש טוט נאר איין קליינע מצווה אין זיין לעבן, האט זיך שוין געלוינט זיין גאנצע באשאפן ווערן. אלע יסורים פון די וועלט און יענע וועלט זענען גארנישט אנטקעגן וואס ער גייט באקומען פאר די איין מצוה. כל שכן אונז, וואס מיר זענען פול מיט אזויפיל מצוות יעדן איינציגן טאג, האבן מיר בוודאי מיט וואס זיך צו פרייען. וואס ס'וועט נאר איבערגיין אויפן מענטש, סוף כל סוף וועט זיך אלץ ענדיגן גוט, באשר מיר האבן דאך אזוינע אוצרות. דאס וואס יעצט ליג איך נאך ווי איך ליג, אויף דעם זאגט דאך די רבי דארף מען האבן אסאך המתן - מען ווערט נישט אין איין מינוט אן ערליכע איד. מען דארף נאר בענקען און ווילן אנקומען צו וואס מען דארף, און טון דאס ביסל וואס מען קען. צום סוף העלפט דער אויבערשטער און מען קומט אן.

אזוי האב איך ב"ה זוכה געווען אריינצוגיין טיפער אין טיפער אין דעם הייליגן רבי'נס זאך, אנטפלעקענדיג מער און מער די ליכטיגקייט און זיסקייט פונעם לויטערן קוואל - די נחל נובע מקור חכמה. פארשטייט זיך אז מיט די צייט ־ ווילנדיג פאלגן מיט א פשטות דעם הייליגן רבי'ן, וואס האט אונז באפוילן צו מקיים זיין די שולחן ערוך ־ האב איך זיך געשטארקט, און אנגעהויבן צו דאווענען בבית מדרשינו אויך שבת אינדערפרי. דעמאלטס האב איך איינגעזען אז עס איז בכלל נישט אזוי שווער, נאר פארקערט, ס'איז ממש א גן עדן, אויפשטיין ווען די גאסן זענען נאך רואיג און גיין דאווענען מיט א ישוב הדעת די תפלה בכח מיט

אונזערע לייט. ווער רעדט נאך פון די געשמאקע סיפורי מעשיות נאכן דאווענען. נאכדעם בלייבט נאך אפילו צייט צו לערנען ביז מען גייט מאכן די סעודה, ס׳איז אן ענין אחר לגמרי.

אין איינע פון די טעג איז צוגעקומען צו מיר איינער פון די חברים, און מיר געפרעגט צי איך וויל אפשר לערנען מיט אים בחברותא דעם הייליגן רבי׳נס ספר ליקוטי מוהר״ן. ווי דערמאנט, האב איך ביז דאן נאכנישט זוכה געווען צו געניסן פון די געוואלדיגע ליכטיגקייט פונעם הייליגן רבי׳נס ספר. איך האב נישט פארשטאנען די אלע בחינות און קשרים וכו׳. איך פלעג קוקן מיט קנאה ווי די אינגעלייט אין בהמי״ד קאכן זיך אין א תורה, איך האב אפילו געהערט פון א מושג ווי גיין מיט א תורה, אבער פאר מיר פלעגן נאר די אותיות טאנצן אין פנים אריין. דעריבער, יעצט ווען דער חבר האט מיר פארגעשלאגן עס צו לערנען אינאיינעם, האב איך מיר צוגעכאפט דערצו מיטביידע הענט. מיר האבן טאקע אנגעהויבן לערנען, און ווידעראמאל האט זיך געעפנט פאר מיר א נייע וועלט. איך האב אנפלעקט דא א ספר וואס איז נישטא זיינס גלייכן אין די גאנצע וועלט. אזא טיפע עמקות׳דיגע ספר, וואס וויפיל מען פארטיפט זיך נאר דערין האלט מען נאך ביים אנהויב. אזעלכע אויסגעבויטע חידושים מיט די ראיות, אלעס שטימט אזוי הערליך. אבער אלעס איז אזוי פשוט אויף למעשה, ממש קלארע הוראות וואס מען האט צו טון.

**אזוי איך פועל׳ט מען ביי זיין ציון אזעלכע תיקונים וואס קיין שום צדיק האט נישט געזאגט אז ער קען געבן**

אויך די נושא פון התבודדת האט באקומען ביי מיר אן אנדערע משמעות ארויס גייענדיג כסדר צוזאמען מיט די חברים אין פעלד. אויפן וועג האבן מיר זיך אינאיינעם געשטארקט מיט דיבורים ארום התבודדת. צוביסלעך האב איך אנגעהויבן כאפן אז התבודדת איז נישט סתם אזוי ווי איך האב עס אנגעקוקט; א געשמאקע עצה בעטן די אויבערשטער אלע בקשות אויף אידיש. מען רעדט דא פון א נייע וועג אין לעבן. א זאך וואס מען נעמט די גאנצע טאג טעגליכע לעבן, און מען בינד דאס צו צום אויבערשטן. די רבוש״ע ווערט אריינגעמישט אין אלעס וואס קומט נאר פאר במשך מיין לעבן. אלעס פארצייל

איך אים. איך טייל אים מיט אלע מיינע ספיקות און חלישות הדעת, איך דאנק אים אויף אלע זיינע וואונדערליכע חסדים וואס באגלייט מיר יעדן רגע פון טאג ממש, וואס ווען מען הייבט אן אריינצוגיין אין די התבודדת בקביעות הייבט מען עס אן זעהן מיט די אויגן ממש. אזוי אויך ווערט קלאר פארן מענטש אז די גאנצע טאג און לעבן ווערט באמת געפירט נאר דורכ'ן רבוש"ע. אה, איז דען פארהאן א גרעסערע נאנשאפט צום אויבערשטן ווי דעם?!



אזוי האט זיך ביי מיר כסדר געעפנט פרישע זאכן אינעם רבי'נס זאך וואס איך האב אנגעהויבן כאפן, און עס האט אנגעהויבן שיינען ביי מיר. פארשטייט זיך אז ס'איז נישט שייך בכלל צו אויסרעכנען אלעס. איך וועל נאר פרובירן אויסצוש־מועסן נאך איין אויסטערלישע שינוי וואס האט פאסירט ביי מיר. איך האב זיך נאכאמאל געטרא־פן, אז וויפיל איך האב געמיינט אז איך ווייס שוין וואס ברסלב איז, בין איך געוואר געווארן אז עס פיל טיפער און ברייטער ווי דעם. דאס איז געווען ווען איך האב אנגעהויבן דאווענען בבית מדרשינו אויף אינמיטן וואך, וואס פארדעם פלעג איך כמעט נישט זוכה זיין דערצו. ביי אונז איז נאר געווען א מנין ותיקין ביי שחרית, און איך האב נישט געזען במציאות ווי אזוי איך קען אין סתם א וואכן טאג אויפשטיין ותיקין. מנחה מעריב פלעג איך יא אריינפאלן אמאל, אבער נישט בקביעות.

אבער נאכן טועם זיין עטליכע מאל די אויסטערלישע געשמאקע טעם פון אויפשטיין ותיקין און דאווענען מיט א רואיגקייט נאך איידער די הו הא פון די גאס הייבט זיך אן, האב איך פרובירט א תקופה יא צו אויפשטיין, און אזוי ווי אלעמאל אנדעקט אז ס'איז בכלל נישט שווער, נאר פשוט געשמאק. דאן ווען איך בין געווארן א פולקא־מע חלק פון אונזערע לייט, נישט נאר איינמאל א וואך, האב איך אנטפלעקט ווידעראמאל א נייעם לעבן; א לעבן פון א ברסלב'ע חסיד אין א גרינעם דינסטאג און אין א פארוואלקנטע זונטאג. ביז דאן זענען די ששת ימי החול געווען פאר מיר טעג וואס מען איז פארנומען על המחי־ה ועל הכלכלה, מיט אלע סארט טרדות וואס דער לעבן פארלאנגט. מען פרובירט ווי מען קען צו אראפציפן אויך

עפעס פארן אויבערשטן, די שלש תפילות, שיעורי תורה וכו'.

יעצט אבער, האב איך זיך באגעגנט מיט אן אנדערע סארט לעבן. 'לעבן מיטן אויבערשטן אין אלע גשמיות'דיגע טרדות'. פארשטייט זיך אז איך פלעג אלץ הערן פון דעם אז מען דארף אריינעמען דעם אויבערשטן אין אלע פשוט'ע זאכן אין לעבן, אבער איך האב נישט געהאט קיין אנונג ווי אזוי מען פראקצעטירט עס לעובדא ולמעשה. דא אבער האב איך זיך געטראפן מיט פשוט'ע אינגעלייט וואס לעבן ממש אזוי. צווישן זיי אויך בעלי בתים וואס ארבעטן פון 9 - 5. אבער דאס איז ממש א טפל ביי זיי, אזוי ווי אנדערע פשוט'ע געברויכן פונעם מענטש וואס מען מוז טון. ס'איז נישט זייער לעבן - אזוי ווי ביי אנדערע אין די וועלט. זייער קאפ ליגט נישט אין מאכן געלט וכו'. זייער פשוט'ע לעבן איז די תורה ומצוות וואס פארדעם זענען זיי דא אויף די וועלט, ממילא איז דאס דער עיקר וואס זיי דארפן אויספירן. די איבריגע טעכנישע זאכן וואס מען דארף טון איז אויך ווייל די רבוש"ע וויל מען זאל עס טון, און מען טוט עס מיט אזא צוגעבינדענ־קייט צום אויבערשטן. יעדע פראבלעם וואס איז דא ווענד מען זיך גראד צו אים, און מען גלייבט באמת אז אלץ איז נאר פון אים אליין.

**אז ווער עס זוכט באמת נתקרב צו ווערן צו די געוואלדיגע ליכטיגקייט - די אור פון משיח - זאל ער זעהן מרחוק אביסל וואס מען קען באקו־מען דורך נקודת החבר, אפילו פון די פשוט'סטע ברסלב'ע חסיד. ער זאל זיך שטארקן אין דעם זיך צו דרייען מיט אונזערע לייט, דאווענען אין בית מדרשינו און רעדן שיחת חברים מיט אנשי הצדיק**

איך האב ביז אהער פרובירט אראפצוגעבן אביסל מיינע געפילן פון די זאכן וואס כ'האב זוכה געווען א דאנק די דיבוק חברים וואס איך האב מיט

ברסלב'ע חסידים. אבער פארשטייט זיך אז ס'איז א בחינה פון נודע בשערים בעלה. ס'איז נישט מעגליך עס איבערצוגעבן מיט ווערטער. ווער ס'האט עס שוין בייגעוואוינט פארשטייט פון וואס מען רעדט, און ווער נישט, קען מען סיי ווי נישט מסביר זיין. איך האב נאר געוואלט צייגן די מוט צו פארציילן דאס אלץ ביז אהער כדי אז ווער עס זוכט באמת נתקרב צו ווערן צו די געוואלדיגע ליכטיגקייט - די אור פון משיח - זאל ער זעהן מרחוק אביסל וואס מען קען באקומען דורך נקודת החבר, אפילו פון די פשוט'סטע ברסלב'ע חסיד. ער זאל זיך שטארקן אין דעם זיך צו דרייען מיט אונזערע לייט, דאווענען אין בית מדרשינו און רעדן שיחת חברים מיט אנשי הצדיק. דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו די אמת'ע רוח הקודש פונעם צדיק האמת.

ס'איז ידוע די שיחה פון הייליגן רבי'ן אז ער פארמאגט דריי כיתות; איינע וואס קומט כאפן שירים, א צווייטע וואס קומט הערן תורה אבער ער האט א דריטע כיתה וואס זענען איינגעבאקן ביי אים אין הארץ. ס'איז טאקע דא ברסלב'ע חסידים וואס שטארקן זיך און זענען נהנה פון די הייליגן רבי'נס עצות, ס'איז דא אזעלכע וואס קאכן זיך אין די תורות פון הייליגן רבי'ן, אבער ס'איז פארהאן עפעס וואס איז פיל העכער און טיפער ווי דעם; זיין איינגעבאקן אינעם הייליגן רבי'נס הארץ. לעבן מיטן הייליגן רבי'ן, ליב האבן דעם רבי'ן און האבן די אמת'ע התקשרות לצדיק. אונז האבן א לעבעדיגע רבי. א צדיק אמת וואס גייט פאר אונז. ובכוחו של אותו זקן איז נישט פארהאן קיין מדריגה אין אידישקייט וואס מיר קענען נישט צוקומען. וואויל איז פאר דער וואס איז זוכה זיך צו קלאמערן אין זיין ליכטיגקייט, און זיך באהעפטן צו אים אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# הם אמרו

**קורצע אויסצוגן פון די ווערטער פון משפיעי אנ"ש איבער די נושא פון תחזיקו עצמכם ביחד**



### הרה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

עס איז אמאל געקומען צו מיר א אינגערמאן נאך זיין חתונה, - עטליכע טעג האב איך געהארעוועט צו מאכן א סעודת ר"ח, מען איז געקומען פון גבעת שאול ־ פון גאנץ ירושלים, דעמאלטס האבן זיך צוזאם געקליבן זיבעצן אינגעלייט: ר' גדלי' קעניג, ר' דוד ראזענפעלד ע"ה, ר' שמעון אנשין, ר' אברהם הירשלער און נאך כהנה. וויפיל עס האט זיך געמאכט, - איז ער האט זיך געכאפט אמאל, האט ער געהערט דיבורים מורא'דיגע דיבורים, האט ער מיר אליין געזאגט אז ווי נאר ער האט געהערט די דיבורים האט ער זיך גענומען, און ער האט זיך געראטעוועט ממש.

## הרה"ח ר' יעקב נתן אנשין שליט"א

די גרעסטע מתנה ב"ה איז אז מיר האבן ברסלב'ע חברים, מען קען רעדן פשוט. פשוט, פשוט, עבודת ה', נארמאל פון תכלית. ר' נתן האט געזאגט ווי עס איז דא צוויי ברסלב'ע חסידים דארף קומען א דריטער און אריין שטעקן די קאפ. פארוואס ווייל מען רעדט פון טראמפ אוןביידן? דאס איז די נושא?... די ערשטע זאך דארף מען האבן חברים און רעדן פון תכלית, ווייל דאס איז אונזער לעבן. עס איז נישט נאך עפעס א לוקסוס!

ביים מעמד להעביר את האש,
תשפ"ג אין בארא פארק

## הרה"ח ר' שמעון צבי שפירא שליט"א

עס איז דאך דא די דריי נקודות, נקודת הצדיק, נקודה פון שיחה בינו לבין קונו, און די נקודת החבר, אונזערע לייט פלעגן זאגן, די אנדערע צוויי נקודות ווענדט זיך אין נקודת החבר, וויפיל עס איז דא די נקודת החבר. ווערט נאך דעם די אנדערע צוויי נקודות, דאס איז וואס האט געהאלפן כלל ישראל אין אלע דורות.

ביים כינוס התחדשות החבורות
מורשת הנחל, פ' חיי שרה תשפ"ד

# די ערשטע זאד
# רעדן



## הרה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א

אפילו מען איז געזעצן, מען האט גארנישט גערעדט האט מען אויף געטאן, געוועז צוזאמען, געוואלט רעדן, אלע ווילן מקורב ווערן צום אייבערשטען אלע ווילן מקבל זיין דעם רבינ'ס עצות, מ'זיצט צוזאמען האט מען אויפגעטאהן.

ענטפערט אויפן שאלה אויב מען דארף
זיך צוזאם קומען אפילו מען האט
נישט קיין דיבורים, פר' חיי שרה תשפ"ד

## הרה"ח ר' אליעזר חשין שליט"א

נקודת החבר איז אזוי טייער אזוי געוואלדיג, ר' נתן זאגט אז עס קען גארנישט זיין אנדערש, אזוי ברענגט ער פון אר"י הקדוש, אז די הארה פון די תפילין של ראש, דאס איז מרמז אויף די תורה ל"ד, מיינט די העכערע זאכן וואס מען קריגט פונעם צדיק, אבער עס קען נישט אריין שיינען אין די תפילין של יד דאס מיינט די התבודדות, נאר דארך די קשר של תפילין, דאס איז די חבר, אן די קשר איז נישטא קיין פרשה. די רבי זאגט סוף תורה ל"ד, אז ווען מען רעדט מיט א חבר רעדט מען נישט אלעמאל הויעכע זאכן אבער אפילו שיחת חולין, פארשטייט זיך דיבורים טובים, שיינט די הארה, קען מען קריגן די הארה פונעם צדיק דעם רבינ'ס זאך קען נישט האבן א קיום נאר בכתב, דאס מיז אריין רעדן בפה.

ביים מעמד התחדשות החבורות,
מיטוואך חיי שרה תשפ"ג

# דארף מען האבן חברים און
# פון תכלית, ווייל דאס איז אונזער לעבן!



### הרה"ג ר' יצחק ראזענבלאט שליט"א

איך אלץ בחור האב געהאט ארום פערציג ברסלב'ע חברים, היינט איז פון זיי געבליבן פינעף זעקס, אכט מאקסימום. וואס מער מען פארלירט א קשר צווישן חברים מיט די ענין פון ברסלב. צוביסלעך פארלירט מען מער און מער די גאנצע ענין פון די רבי'ס זאך. איך קען א איד, ער איז געווען פון די חשוב'ע ברסלב'ע אינגע־לייט אין בית שמש, אבער אזוי ווי דארט איז נישט געווען קיין חבורות, האט ער צוביסלעך צוביסלעך אפגעלאזט היינט קומט שוין אפילו נישט אין אומן.

"ברסלב וואלט היינט געקענט זיין פינעף צו צען מאל דאפעלט אויב אונז וואלטן זוכה געווען זיך צו צוזאם קומען אלעמאל צוזאמען". נאך מיין חתונה האט מען מיט די אינגעלייט גארנישט געטוהן. ר' יעקב מאיר שעכטער איז צוגעקומען דעמאלס צו מיר אמאל און מיר פארציילט אז ווען ער איז געווען אינג פלעגט ער מאכן חבורות, האט ער מיר געבעטן איך זאל מאכן עפעס, האב איך צוזאם גענומען די אינגלייט, מען האט געמאכט אן איחוד אברכים. יעדע וואך מיטוואך האט מען זיך צוזאם גענומן עפעס געגעסן, געזינגען, יעדע וואך האט א צווייטער גערעדט עס איז געווען זייער שיין זייער ווארעם, עס האט געהאלטן אפאר יאר.

ביי אן אסיפה לטובת חבורות מורשת הנחל
חנוכה תש"פ

# נייעס

## גרויס פרייד ביי אנ"ש תושבי וויליאמסבורג יצ"ו מיטן אפקויפן און זיך אריבער ציען צום נייעם גרויסען ביהמ"ד

### "ימי הנסיעה" ווערט געפראוועט מיט גרויס דערהויבענקייט ביי מתפללי ביהמ"ד גרעסטע ברסלב'ע ביהמ"ד אין ניו יארק'ס היסטאריע ווירבילט מיט - מנינים, שיעורים חבורות, חברותות, און נאך, במשך די וואך און שבתים

**וויליאמסבורג:** ביהמ"ד הגדול דחסידי ברסלב וויליאמסבורג, וועלכע גייט שוין אהן די לעצטע פופצען יאר, קויפט אפ גרויסע בנין לשם ולתפארת פאר'ן היילגען רבי'ן, ציעט זיך אריבער.

די ביהמ"ד איז געגרינדעט געווארן דורך א חבורה פון איינצלנע אינגעלייט אין א פארשטיפטע בעיסמענט אין שטאט. ווען די פלאץ איז ענג געווארן איז מען געגאנגען פון איין לאקאל צום צווייטן, ביז מען האט זיך אריין געצויגן און אפגע-דינגן די ביהמ"ד אויף 306 ראטלידש. פאר דרייצן יאר איז די שוהל אויף ראטלי-דש געווען א תל תלפיות, ווי יעדע בחור אדער אינגערמאן דורש ומבקש השם האט געוואוסט אז דארט קען מען אריין קומען זיך אנטרינקן פונעם הייליגען קוואל די נחל נובע מקור חכמה.

דער ביהמ"ד איז געווען דער כח המושך פונעם שטאט, עס האט געקאכט און געברענט מיט בחורים און אינגעלייט, בעלי בתים און זקנים, ברסלב'ע חסידים עובדי ה' באמת מיט'ן הייליגען רבינ'ס ליכטיגקייט, א פלאץ וואס האט מגלה

געוועז פאר אמעריקע דעם אור הנעלם וואס איז פארשטעלט און באהאלטן שוין אזויפיל יארן. א פלאץ וואס פון דארט איז ארויס תורה, חסידות ועבודת ה' און זיך פארשפרייט איבערן גאנצן שטאט!

אין די לעצטע תקופה ווען די ביהמ"ד איז שוין געווארן איבערגעפילט עד אפס מקום, האט מען זיך געדארפט ארויס ציען פונעם ביהמ"ד, די עסקנים האבן זיך גראד אריינגעלייגט ראשם ורובם אפירצוזוכן א פאסיגן פלאץ ווי מען זאל זיך ווייטער קענען מחזק זיין אינאיינעם כרצון רבינו און אזוי ארום פארשפרייטן די רבינ'ס זאך אויף די וועלט. ביי ברסלב'ע חסידים ווייסט מען אז עס איז נישטא קיין שום זאך וואס מען קען נישט פועל'ן מיט תפילה, גלייך ווי מען האט נאר געהערט אז מען דארף זיך אוועקציען פון ראטלידש און זוכן א נייעם שטח, האבן גלייך אנ"ש אנגעהויבן מאכן תפילות, א מנהג איז איינגעפירט געווארן נאך יעדע תפילה צו זינגען ביים ריקוד דעם ניגון "עד הנה עזרוני רחמיך" און אזוי ארום אויספועל'ן אז "ואל תטשנו לנצח" מען זאל טרעפן א גוטן פלאץ. ב"ה נאך גרויס תפילות וכיסופים האט מען זוכה געווען אפצוקויפן א בנין פאר אסטראנאמישע סכומים למעלה מדרך הטבע, כדאי אבער אז מען זאל קענען פאקטיש זיך אריינציען האט מען פארגאנגענים זוממער געלאזט אין גאנג א קאמפיין מיט'ן ציל צו שאפן $600,000 דאללער, דער קאמפיין איז אדורך מיט אויסטערלישע הצלחה און מען האט ב"ה דערגרייכט דעם ציל נאך מיט א שמיץ אריבער, די זמן זיך אריין צו ציען אינעם נייעם הערליכן בית המדרש אויף 9 וואלווערט סט. איז באשטימט געווארן אויף זונטאג פ' ויצא תשפ"ד.

די התרגשות דקדושה פון מתפללי הביהמ"ד איז נישט צום באשרייבן, פון איין זייט זיך געזעגענען פון א פלאץ וואס איז אנגעזאפט מיט טויזענטער שעות תורה תפילה התבודדות ריקודים שיחת חברים וכו', און פון צווייטן זייט - גייט מען זיך שוין ענדליך קובע זיין אין אן אייגענע רחבות'דיגע הערליכע גרויסע ביהמ"ד, די געפילן פון אזא מאורע ווען ברסלב און אמעריקע גייט ארויף א שטאפל און רוקט נענטער די גאולה השלימה, קען מען נישט אראפגעבען אויף א פאפיר.

די נסיעה האט זיך אנגעהויבן שוין א שבת פריער ווען א גרויסער עולם איז זיך צוזאם געקומען מיט דערהויבענע הרגשים, הרגשים פון קשה עלי פרדתכם - הרגשים פון הרחבת גבולי הקדושה, צווישן מנחה און קבל"ש האט אויף געטרע־טן הרה"ג ר' פנחס גוטמאן שליט"א און האט ארום גערעדט איבער די גרויסע זכי' וואס מתפללי ביהמ"ד האבן משריש צו זיין די אור הצדיק אינעם עיר ואם בישראל וויליאמסבורג, שבת צופרי האט אויפגעטרעטן ביי סיפורי מעשיות הר"ר שמעון הלל פרנס הי"ו און שטארק ארויס געברענגט די געוואלדיע מעלות פונעם שוהל, ביי של"ס האט אויף געטרעטן הר"ר יעקבת נתן ליכטער הי"ו וואס האט דערמאנט די זכרונות פון יענע יארן וואס די ביהמ"ד האט זיך געגרינדעט, ביז עס איז אנגעקומען צו דעם מצב וואו מען האלט יעצט.

זונטאג אינדערפרי זענען די גוים אנגעקומען צו נעמען די לעצט פארבליבענע טישן און בענקלעך עס צו טראגן צום נייעם לאקאל, אנ"ש וואס זענען אזוי אנגעווארעמט פארן הייליגן רבי'ן, האבן ממש נישט געלאזט די ארבעטערס ארבעטן - נאר די רבינ'ס לייט וואס געוועגליך זעהט מען זיי שטיין איבערגעבויגן איבערן ליקוטי תפילות זענען יעצט געווען אקטיוו צו שלעפן און ברענגען די זאכן, אזש מען האט שוין געקענט פארשיקן די ארבעטערס פיל פריער ווי געראכטן.

א ספעציעלע גאסט פון ארה"ק הרה"ח ר' מרדכי שלום ראזענפעלד הי"ו איז געקומען צו פארן, לרגל די ימי הנסיעה, ליל שישי פ' ויצא איז פארגעקומען א לחיים "מעמד פתחו שערים" ווי עס איז זיך צוזאם געקומען גאר א גרויסער עולם, עס האט אויף געטרעטן צום ערשט הרה"ג ר' יצחק ראזענבלאט שליט"א דאן האט מען אומגעראכטן אויף גערופן הר"ר אלי' פאדווא שליט"א ר' אלי' וואס גאר א גרויס חלק אויפבוי פונעם ביהמ"ד איז איהם צו פארדאנקען, האט ארויסגעברענגט זיינע טיפע הרגשים וואס רינען איבער שטייענדיג אין אזא מאמענט, דאן האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' מרדכי שלום ראזענפעלד שליט"א מיט פאסיגע דיבורים לרגל המאורע.

די קלימאקס פון די "ימי הנסיעה" איז באשיינפערליך געווען דעם ערשטן שב"ק פ' ויצא וואס איז געפראוועט געווארן אויף א דערהויבענעם פארנעם אינאיינעם מיטן גאסט ר' מרדכי שלום שליט"א, אויף שבת זענען געקומען צו פארן פילע געסט פון אלע שטעט איבערן גרעיטער ניו יארק און ניו דזשערסי צוצוזעהן דעם ערשטן שבת אינעם ערשטן "גרויסן" ביהמ"ד דחסידי ברסלב אויפן אמעריקאנ־עם באדן, די תפילות שבת זענען געדאווענט געווארן מיט גרויס התלהבות ווי עס פאסט פאר די אנשי הבעל תפילה. דורך אויס דעם שבת האט ר' מרדכי שלום שליט"א אויפגעטרעטן פרייטיג צו נאכט'ס פאר קבל"ש און נאך די סעודה ביים שבת אחים, אזוי אויך צופרי ביים קידוש און סיפורי מעשיות, און ביי של"ס ביי ליקוטי מוהר"ן פארלערנען, מוצש"ק איז פארגעקומען פייערליכע טענץ להודות ולהלל להשי"ת אויף אלע וואונדערליכע ניסים וואס ער טוט מיט אונז, ער האט אונז באשאפן אלס אידן, און אונז מקרב געווען צום צדיק הדורות אור האורות וואס באלייכט אונזערע טעג און נעכט, און בפרט אויף די יעצטיגע נסים מיט'ן אונז געבן אזא פראכטפולע מקום לעבדתו יתברך. זונטאג וישלח איז פארגעקו־מען א שיעור דורכן חשוב'ן גאסט אין תורה רפ"ב בעיון.

עס איז צום האפן אז די ביהמ"ד וועט אויפטוהן זיין תפקיד צוריק צו ברענגען אידישע קינדער צום טאטן אין הימל, אויפצולעבן דעם הייליגן רבין'ס אור אין די פאראייניגטע שטאטן, און בקרוב וועט עס נקבע ווערן אין ירושלים עיה"ק תובב"א.

# התחדשות אין בלומינבערג מיט ווידער־עפענונג פון ביהמ"ד "משיבת נפש" דחסידי ברסלב, נאך לענגערע תקופה פון ביסופין און תפילות

## ביהמ"ד גייט אן מיט זעלטענע פרישקייט און לעבטיג־קייט כאטש עס געפינט זיך און גאר קליין שטעטעלע

**בלומינבערג:** אינעם שטעטל בלומינ־בערג וואו עס וואוינען א קארגע צוויי הונדערט משפחות, הערט מען פון אן ערעפענונג פון א ברסלב'ע ביהמ"ד, די ברסלב'ע אידן אין בלומינבערג דרייען זיך שוין ארום די לעצטערע לעגערע תקופה מיט גרויסע כיסופין, נעמליך, זיי שרייען למה נגרע, פארוואס זאלן מיר נישט האבן א שוהל ע"ש הצדיק, פארוואס זאלן מיר זיין אויסגעשלאסן פון אט די וואונדערליכע פאקטאר וואס ווערט גערופן א "ברסלב'ער שוהל", פארוואס זאלן מיר נישט האבן א פלאץ ווי מען קען רואיג און אפן רעדן פון רבי'ן, שיחת חברים און עבודת ה',

אין בלומינבערג האט זיך שוין געעפנט אמאל א ברסלב'ע ביהמ"ד אבער נאך א קורצע צייט אפשניט איז מען געווען געצווינגען דאס צו פארמאכן, אנ"ש שבבלומינבערג האבן אבער נישט אויפגעגעבן זוכענדיג א פאסיגע פלאץ צו איינק־וואטירן א ביהמ"ד ע"ש הצדיק.

די גאנצע צייט פונעם זוכן איז אויך פארגעקומען א וועכנטליכע חבורה ליל שישי, וואס גייט נאך היינט אן. דארט האבן די חברים עטוואס געהאט די געלעגנהייט זיך דורך צו רעדן אינעם רעבין'ס זאך, זיך מחזק זיין און זיך מעורר זיין צו עבודת ה'.

פארגאנגענעם זוממער האט מען מיט נסי נסים געטראפן א פלאץ וואס איז ראוי' צו דינען פאר א ביהמ"ד. די פאר אינגעלייטליך תושבי בלומינבערג האבן זיך אריין געלייגט מיטן לייב און לעבן צו שאפן די גרויסע סכומים אויפצופיקסן און שיין מאכן דעם פלאץ עס זאל זיין א קידוש שם הצדיק, און א קידוש שם שמים.

די הערליך-גרויסע ביהמ"ד איז אפן א גאנצע וואך עס פונקציאנירט מיט א מנין מנחה מעריב ביינאכט, און ליל שישי קומט דארט פאר די חבורה. שב"ק גייט די ביהמ"ד אן מיט אלע דריי תפילות, נאך שחרית איז דא א קידוש ווי מען לערנט פאר סיפורי מעשיות כנהוג בין אנ"ש און מוצש"ק קומט פאר אבות ובנים מיט רייכע גורלות.

ופרצת ימה וקדמה צפנה ונגבה

# איינוואוינער אין ספרינג וואלי אומגע־גנט איינגעהילט אין שמחה נאך מסירת נפש'דיגע אפקויף פון בנין פארן רבינ'ס שוהל אינעם געגנט

## נאכן דורכגיין לענגערע וואנדערונגען אין גלות'ן קומט מען ענדליך אל המנוחה מיט אן אייגענעם שטח לשם ולתפארת שם הצדיק בעולם

*ברסלב'ע חסידים מיט געפיל פארן רבינ'ס זאך, שליסן זיך אן מיט נדבות צו באצאלן די חובות פונעם אפקויף און צו ערמעגליכן געניצליך צו פארענדיגן און זיך ארייניציען*

דאס אז דעם רבי'נס זאך שלאגט ווארצלען אין אמעריקא, און פארשפרייט זיך אין בליץ שנעלקייט פון איין שטאט צום צווייטן, איז קיין נייעס. דאס אבער, אז אויך אינעם ספרינג וועלי געגנט גרייט מען זיך בקרוב אריינצוגיין אין אן אייגענעם בנין איז שוין א חידוש.

שוין א לענגערע צייט וואס דעם רבי'נס לייט פון ספרינג וועלי בענקען און האפן און ווילן א שוהל וואס זאל זיין פאסיג זיך צינויף צוקומען שבת און אינדערוואכן, און אזוי ארום זאל דארט אויך פינקצאנירן אן אויר הנח והזך. שוין די לעצטערע פאר יאר וואס מען וואנדערט פון איין פלאץ צום אנדערן. דא קען מען מאכן א של"ס פאר א פאר וואכן און דא קען מען אויך צו לייגן א פרייטאג צו נאכטס דאווענען.

אין די לעצטע תקופה, נאך וואס מען האט פרובירט אזוי פיל פלעצער און קיין איינס איז נישט געווען פאסיג געהעריג פאר א שוהל, האבן זיך עטליכע אינגע־לייט ארייגעלייגט און מיט מסירות נפש אריין געטאנצן אפקויפענדיג א פאסיגע בנין וואס זאל קענען דינען אלס בית השם עס זאל זיין א קידוש שם שמים און א קידוש שם הצדיק איבערן גאנצן געגענט. די בנין באשטייט פון צוויי שטאק און עס פארמאגט א גרויסע פארקינג לאט, א זאך וואס איז גאר וויכטיג אין אזא שטאט ווי מאנסי.

פארשטייט זיך אז אפצוקויפן אזא שטח און עס דערנאך אויפפיקסן איז גאר א קאסטבארע פראיעקט, אבער די מסי"נ'דיגע אינגעלייט האבן נישט געקוקט אויף גארנישט נאר עס אפגעקויפט מיט געלט וואס מען האט נישט. אין די קומענדיגע תקופה גרייטן זיך די עסקנים ארומצוגיין אויפטרייבן נדרים און נדבות פון אנ"ש וואס פארשטייען די וויכטיגקייט און האבן א געפיל פאר אזא הייליגע צוועק. עס צום האפן אז מיטן הילף פונעם ציבור וועט מען בקרוב זיך

קענען אריינציען אינעם נייעם בהמ"ד לתורה ולתפלה התבודדת התחזקות ושיחת חברים.

צדקה ליתן על בנין אמונתינו לעשות אויר הנח והזך בכל גבולותינו לדבר דיבורי אמונה עם כל יודעינו

---

# שפאנונג אין לעיקוואד ווען נאך דורכגיין פארשידענע מניעות קויפן אנ"ש תושבי העיר אפ שטח וואס וועט דינען אלס ביהמד ע"ש הצדיק אין שטאט.

**ציי טוו יי לי גע פלאץ ווערט איינ־ גערישט אויף ביז דערווייל לרווחת המתפללים**

**לעיקוואד** ־ פון די עיר התורה והחסידות לעיקוואד קומט אריין די פריידיגע בשורה אז עס איז ענדגיל־ טיג אפגעקויפט געווארן א גרויסן שטח וואס וועט אין די צוקונפט דינען אלס דער ביהמ"ד ע"ש הצדיק. עסקני לעיקוואד (בראשית הר"ר אפרים גורעלניק ני"ו) האבן די פארגאנגענע ווינטער אנגעהויבן א קאמפלעצירטע פראצעדור אפצוקויפן א לאט אויף קאונטי ליין אז ברסלב'ע חסידים פונעם שטאט זאלן האבן א מקום קבוע זיך צוזאם צו קומען אריין צו שיינען איינער אינעם צווייטן, זיך צו מחזק זיין אינאיינעם בהתקשרות לצדיק. צילוב פארשידענע שוועריקייטן האט די מקח זיך פארצויגן א לענגערע צייט ביז אין די לעצטערע וואכן האט מען בחסדי ה' באקומען די נויטיגע פערמי־ טן, און מען האפט בקרוב זיך צו קענען דארט אריינציען.

אויף די צווישן-צייט האט מען מצליח געווען אפצודינגען א צייטווייליגע מקום רווחת ידים, נאנט צום שטח וואס מען האט אפגעקויפט, וואו דארט קומען זיך אלע אנ"ש פונעם שטאט צוזאם דאווענען און לערנען און ממשיך זיין די אור הצדיק אויף די וועלט.

אזוי ארום ווערט די שטאט לעיקוואד אריין געשטעלט אלס נאך א רינגעלע אין די גאלדענע קייט פון שטעט אינעם היימישן ניו יארק-ניו דזשערסי, וואו די הייליגע רבינ'ס ליכט שיינט און ברענט און ברענגט נענטער אידן צו זייער טאטן אין הימל. עס טרינקט אן די שוואכע נפשות פון עיקבתא דמשיחא מיט קוועל־ דע דערפרישנדע וואסער פונעם נחל הנובע.

# גרויסארטיגע מעמד אדיר ומרומם ווערט געפראוועט אין מאנסי דעם ליל שישי ויגש ביים יוד"ל פונעם הייליגן ר' נתן אין די זאלן פון ווילחאוויץ

## קומט אין ליכט פון לעצטיגע אויסטערלישע התחדשות אין בית מדרשינו ברכת הנחל אין שטאט

ווייטערדיגע פלענער איבער ווייטערדיגע פעולות און איבער בנין אדיר ומרומם אינעם נאנטן צוקונפט ווערט איבערגעגבן ביים מעמד

גייענדיג צום דרוק, קומט אריין די נייעס פונעם שטאט מאנסי - וואס שוין איבער 40 יאר וואס דעם רבי'נס זאך גייט דארט אן אויף א באשיינפעליכן פארנעם ־ אז אין די לעצטע תקופה, האט אויפגעפלאקערט א פלאם פייער אין ארטיגן בהמי"ד ע"ש הצדיק, וואס געפונט זיך אויף 70 מעין סט.. א שטארקע פרישקייט הילט איין דאס פלאץ. א קייט פון מערער פעולות לחזק ולרומם את אנשי הצדיק ווערט פארמירט צווישן די אינגעלייט דארט. דאס נעמט אריין חבורות, סעודות מלוה מלכה, סעודות ר"ח, און נאך מערערע אקטיוועטיטן צו אויפהייבן דעם רוח צווישן די אינגעלייט דארט. א שיינעם מספר אינגעלייט וואס האבן זיך אנגעשלאסן אינעם ברען, און שטארקן זיך צו קומען דאווענען בבית מדרשינו און א טייל צו נעמען אין די חבורות.

די אויפוואכונג קומט נאך וואס עטליכע אינגעלייט האבן אריינגעטאנצן דערין מיטן ציל צו טאן וואס מעגליך לפאר ולרומם שם הצדיק. ועוד ידם נטויה מיט ווייטערדיגע פעולות צו שטארקן דעם רבי'נס זאך. וואס דעריבער איז אונטערגענומען געווארן יעצט דעם מעמד, וואו מען וועט זיך אינאיינעם צאמנעמען אונזערע לייט צו הערן דיבורים, און זיך שטארקן אינאיינעם. אזוי אויך וועט מען ביים מעמד ארום רעדן איבער די ווייטערדיגע פלענער, וואס מען פלאנט בעזר השם צו עפענען אן איחוד האברכים ־ אנשי הצדיק. כדי צו קענען פארשטארקערן די פעולות להגדיל תורה ולהאדירה.

אין די זעלבע צייט, הערט מען אז נאך לאנגע יארן פון המתן און כיסופים, האט מען אין די לעצטע תקופה ענדליך ערהאלטן די באשטעגטיגטע פערמיטן, אויף צו קענען אנגיין מיט די ווייטערדיגע בוי פלענער וואס מען האט שוין גאר א לאנגע צייט צוריק ארויפגעברענגט אויפן טיש. נאר צוליב פארשידענע שוועריגקייטן האט זיך די פרעצעדור

אפגעהאלטן א לענגערע צייט, און ב"ה וואו מען שטייט יעצט הערט מען אז די לאנג אויסגעווארטעטע פאפירן זענען שוין אנגעקומען, און מען האפט בקרוב זיך צו נעמען צו די ארבעט. אראפצוהאקן דעם אלטן בנין, און אויפן שטח אויפבויען א בנין אדיר לשם ולתפארת. לויט ווי די עסקנים גיבן איבער וועט מען ביים מעמד מיטטיילן מיטן ציבור די פונקטליכע דעטאלן איבער די בוי פלענער.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין

---

# בחורי אנ"ש גרייטן זיך מיט גרויס שמחה לקראת דערהויבענע שבת אינאיינעם מיטן חשוב'ע גאסט פון ארה"ק המשפיע הרה"ח ר' יעקב נתן אנשין שליט"א

## נאכפאלגענדיג הערליכע דערהויבענע שבת פאריאר אויף די קעטסקיל בערג

מיט גרויס שפאנונג גרייטן זיך די בני הנעורים אנשי שלומיני אין אמעריקע צו פראווענען א דערהויבנעם שבת התאחדות אינאיינעם מיטן חשוב'ן גאסט פון ארה"ק הר"ר יעקב נתן אנשין שליט"א וואס ווייל אין די טעג אין אמעריקע לאור די גרויסע מעמד 'להעביר את האש'.

די שבת פאלגט נאך נאכדעם וואס פונקט א יאר צירוק - ווען ר' יעקב נתן איז דא געווען - האט מען געמאכט אזא שבת. די שבת דעמאלטס איז דורך געגאנגען מיט גאר א שטארקע דערהויבנקייט, ווען דורכאויס דעם שבת האט מען געהערט שמועסן פונעם גאסט, וואס איז באוויסט מיט זיין איינגנארטיגע זיסע שפראך, וואס אפילו אינגע בחורים קענען פארשטיין און מיטנעמען מיט זיך למעשה. וויבאלד די שבת איז פארגעקומען אין די קעטסקילס - וואס איז ווי פארשטענדליך ארום גענומען מיט וועלדער - האט מען א גאנצן שבת געהערט קולות פון וואלד ווי די אינגע בחורים האבן זיך אויסגעשריגן צום באשעפער 'וטהר לבם באמת ובאמונה לעבדך', און בפרט ביי חצות הלילה ווען א גרויס חלק בחורים זענען אויפגעשטאנען און ארויס אין פעלד נענטער צו ווערן צו אבינו שבשמים און די הייליגע מאמענטן פון חצות ליל שב"ק יום חמדתי.

אויך די סעודות שב"ק זענען געפראוועט געווארן מיט גרויס ליכטיגקייט ווען די חשוב'ע, נאנט צו

הונדערט פיפציג ברסלב'ע בחורים זינגען צוזאמען און זענען זיך מחזק איינער דעם צווייטן מיט די הייליגע רבי'ס ווערטער.

ביים שבת האט זיך אויף באטייליגט די חשובע ראשי החבורות פון אלע שטעט וואס האבן געשמועסט מיט די בחורים און זיך געשטארקט מיט די ליכטיגקייט פון רבי'ן.

ביי מלו"מ איז פארגעקומען א שאלות ותשובות סעסיע מיט ר' יעקב נתן הי"ו, וואו ער האט אנגעט־רינקן די הייליגע ברסלב'ע בחורים פון חו"ל מיט עמערס חיזוק און עבודת ה', תורה ותפלה א.א.וו. אזוי אויך האט ער זייער געשטארקט די בחורים, וואס ביזדערווייל איז נאך נישטא קיין ברסלב'ע ישיבה אין אמעריקע, און זיי גייען דורך פארשי־דענע שוועריקייטן און מניעות אין אנדערע ישיבות.

די בחורים זענען אהיים אנגעהויפנט מיט תוכן'פולע שמועסן, דערהויבענע דאווענענס, ליכטיגע




סעודות, הייזעריגע התבודדות'ן, פרייליכע ריקודין, און שעות פון התמדת התורה - ער"ש, שבת פארטאגס און נאכמיטאג - מיטנעמ־ענדיג חיזוק אויף א גאנץ יאר.

יעצט שטייענדיג שוין א יאר שפעטער זעהט זיך אן די דורשט ביי די בחורי חמד, ווען לא רעב ללחם ולא צמא למים כ"א לשמוע את דבר ה', און מען גרייט זיך נאכאמאל כמעשהו בראשונה, ביתר שאת וביתר עז.

די בחורים דא אין אמעריקע, וואס דורכאויס די יאר געפונען זיי זיך אין פרעמדע ישיבות מיט פרעמדע חברים, זיך אנקלאפנדיג כסדר מיטן גרויסן העלמת אור הצדיק, קוקן ארויס אויף אט דעם שבת וואו זיי טרעפן זיך מיט אזויפיל ברסלב'ע בחורים אינאיינעם, און הערן אזעלכע דיבורי חיזוק פון די ראשי החבורות און פונעם גאסט שליט"א.

מעין עוה"ב יום שבת מנוחה


ווארעמט
אייך אן אין די
קאלטע
ווינטער'דיגע
טעג
דערווארעמט אייער
הארץ דורך הערן
לעכטיגע דיבורים
וואס שיינען אריין
א קלארקייט אין
לעבן, אמונה ובטחון,
שמחת החיים, חיפוש
האמת, און נאך.
מערכת ברסלב
605.313.1800
ארה"ק
02.560.7387
ענגלאנד
0330.390.0487
בעלגיע
323.808.1775
נייעס || באריכטן || אינטערוויא'ס || סיפורי התקרבות || ניגונים || און נאך...

ב"ה

בשמחה רבה ובתודה והודאה להשי"ת
שהגיענו עד הלום הננו בזה להזמין את מעלת כבוד
אנשי שלומינו היקרים תלמידי וחסידי רביה"ק ננמ"ח זצ"ל

# חסידי ברסלב ברחבי ניו יארק

לבוא להשתתף במעמד האדיר והנשגב

## מלוה מלכה רבתי

# להבעיר את האש

שתתקיים בעזרת השי"ת

## במוצאי שבת הבעל'ט
## פרשת ויגש

לכבוד יומא דהילולא קדישא של גאון עזנו
התלמיד המובהק מורינו **רבי נתן מברסלב** זצ"ל

**The Grand Event Space**
AT THE BROOK HAVEN MALL
**217 Brook Avenue**
**Passaic, NJ 07055**

הזמנה אישית

## סדר המעמד

נטילת ידים לסעודה
בשעה 8:30

זמירות מלוה מלכה
בשעה 9:00

פתיחת המעמד
בשעה 9:15

שיחת התחזקות
על ידי אורחינו מארה"ק הרה"ג
ר' **שלום מיקוף** שליט"א
בשעה 9:30

שיחת חברים מלב ללב
על ידי אורחינו מארה"ק הרה"ח
ר' **יעקב נתן אנשין** שליט"א
בשעה 10:15

סיכום ודברי סיום
בשעה 10:45

ברכת המזון
בשעה 11:00

ריקודים של שמחה
אחר ברכת המזון

**מכירת ספרי ברסלב ענקית**
במשך המעמד
במחירים
זולים מאוד!

באסעס יסעו מלפני בתי מדרש דחסידי ברסלב בעיירות
**בארא פארק - וויליאמסבורג - מאנסי - קרית יואל - לעיקוואד**
בערך שעה ושלוש רבעי שעות אחר זמן מוצאי שבת קודש

ASBdesign